פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן אין ישׂראל

אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל

# ליטעראַטור־פּרײַז א״נ פֿון חנה און לייב רובינליכט

מיר באַשטעטיקן אַז הײַנט, דעם

יאָר זינט דער אַנטשטייונג פֿון מדינת ישׂראל

איז אײַך צוגעטיילט געוואָרן אין דער פֿאַרטיילונג דער

פּרײַז פֿאַר אײַערע פֿאַרדינסטן פֿאַר דעם ייִדישן שעפֿערישן וואָרט.

פֿאַרוואַלטונג פֿונעם פֿאַראיין
פֿון ייִדישע שרײַבער
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל

די זשורי

פאַראײן פון יידישע שרײבער און זשורנאַליסטן
אין ישראל

אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל

# ב־טע פארטיילונג פון די פרייזן
# א. נ. פון חנה און לייב רובינליכט



תל־אביב, 1979

# די פרעמיעס אויפן נאָמען פון חנה און לייב רובינליכט

לייב רובינליכט — אליין אַ מחבר פון צוויי ביכער לידער און אַ קולטור-געזעלשאפטלעכער טוער אויפן געביט פון יידיש, האט עטאבלירט דעם דאָזיקן פרייז, כדי מיט אים און דורך אים צו סטימולירן די יידיש-שעפערישקייט אין מדינת ישראל, ווי אויך צו דערמוטיקן די יידישע שרייבער פון אלע זשאנערן און פאָרמען, אז זיי זאָלן ווייטער אָנגיין מיט זייער אקטיוויטעט כאָטש אין שטח פון יידישן וואָרט.

לייב רובינליכט, קען מען זאָגן, געהערט צו יענע אויף וועלכע עס ווערט געזאָגט, אז אָנשטאָט זיי זאָלן קלאָגן אויפן חושך, צינדן זיי בעסער אָן אַ ליכט, כדי עס זאָל ווערן ליכטיקער. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס, אז אָנשטאָט צו קרעכצן אויפן גורל און דעם מצב פון דעם יידיש-שאפער אין אונדזער צייט, באמיען זיי זיך דעם דאָזיקן מצב צו פארבעסערן, כאָטש זיי פרוּוון דערביי נישט צו דערוועקן ביי קיינעם קיין צו גרויסע אילוזיעס און מאכן אויך נישט דעם אָנשטעל, אז זיי זענען אויסן „צו ראטעווען די וועלט"...

דער פאראיין פון די יידישע שרייבער און זשורנאליסטן אין ישראל באטראכט די עטאבלירונג פון חנה און לייב רובינליכט-פאָנד און די יערלעכע פארטיילונגען פון די פרעמיעס צו שרייבער און זשורנאליסטן פאר אַ ביז גאָר וויכטיקן אויפטו אין זיין פארשידנארטיקער טעטיקייט. די דאָזיקע יערלעכע פרייזן-צוטיילונגען באטאנען זייער אויסדריקלעך דעם המשך פון דער ליטערארישער שעפערישקייט אין יידיש לשון אויך דאָ און איצט. די פרעמיעס שטרייכן אונטער, אז עס איז פאראן אַ ליטעראטור-שעפערישע באוועגונג און אז עס דערשיינען כסדר אין יידיש אזעלכע ווערק, וועלכע זענען ראוי אויסגעטיילט צו ווערן צוליב זייערע ווערטן פון ליטעראריש-קינסטלערישן כאראקטער.

היי-יאָר האָט די פארוואלטונג פון שרייבער-פאראיין באשלאָסן אָפצוטיילן די פארטיילונג פון די רובינליכט-פרייזן פון די פרייזן, וואָס דער פאראיין גופא טיילט אוים יעדעס יאָר. עס איז באשלאָסן געוואָרן — אין זין פון דעם אלטן כלל — „אין מערבבין שמחה בשמחה". — אז די פרייזן פון שרייבער פאראיין זאָלן פארטיילט ווערן אין פסח-טעג. דאקעגן זאָלן די רובינליכט-פרעמיעס פונאנדערגעטיילט ווערן אין סוכות-טעג. אין אלגעמיינעם חשבון איז דאָס די זיבעטע פרייזן-פארטיילונג פון יידישן שרייבער-פאראיין אין ישראל און די צווייטע פארטיילונג פון דעם רובינליכט-פרייז.

צו אונדזער גרויסן צער איז פון דער זשורי-באשטימונג ביז צו דער פארטיילונג פון די פרייזן פון אונדז אוועקגעריסן געוואָרן אַ ליבער און חשובער חבר, אַ דיכטער וועלכער האָט שוין נישט דערלעבט דעם דאָזיקן יום-טובדיקן מאָמענט. דאס איז דער חבר לייב מאָרגענטוי ז"ל און זיין פארדינטע פרעמיע גיבן מיר איבער אין די הענט פון זיין משפחה. מיר זעגנען זיך מתיחד מיט זיין אָנדענק און טרויערן אויף זיין פריצייטיקן אוועקגאנג.





לייב רובינליכט



חנה רובינליכט
זכרונה לברכה

זשורי-מיטגלידער : יצחק יאַנאַסאָוויטש (פאָרזיצער)
מאָטל סאַקציער, ל. פּאָדריאַטשיק, עובדיה פעלד,
ל. קראָשניץ, נחמן ראַפּפּ.

# לייב מאַרגנטוי



לייב מאַרגנטוי האָט געהערט צו דעם לעצטן דור דיכטער אין פוילן פון פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה. ווי אַ סך פון זיינע מיטצייטלער האָט ער אין זיין ליד ארויסגעבראכט די ייאוש-שטימונגען, פון איין זייט, און דעם בונטאַרישן געמיט, פון דער אנדערער זייט, פון דעם רוב יידישע יוגנטלעכע אין פוילן, וועלכע זענען געדריקט געוואָרן דורך דער אָרעמקייט אין וועלכער זיי האָבן געלעבט און זענען צערייצט געוואָרן דורך דער אנטיסעמיטישער שנאה, וואָס האָט ארום זיי געבושעוועט — אַ טאָלערירטע און סטימולירטע דורך די מאכטהאָבערישע קרייזן פון דער סאַ-נאציע-ממשלה. אין פרט פון ארויסברענ-גען אין זיין שאפן אָט די דאָזיקע ביידע מאָטיוון איז ער, בכן, נישט געווען קיין בן יחיד צווישן די יונגע יידישע פּאָעטן פון זיין דור. ער האָט זיך אָבער יאָ אויסגעטיילט צווישן זיי מיט זיין אייגענעם פּאָעטישן טאָן, וועלכן מען האָט געקענט כאראקטעריזירן ווי אַ ליריש-פּאָלקסטימלעכן, און גאָר באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעטיילט מיטן ברענגען צום אויסדרוק אין זיין ליד די לאנדשאפט פון פּאָלעסיע און דאס געמיט פון אירע באַוווינער, וואָס אפילו אין זייערע פריילעכסטע מינוטן הענגט איבער זיי אַ מין שטילער אומעט און אַ בענקעניש נאָך עפּעס וואָס קאָן נישט דערגרייכט ווערן.

אין איינעם פון זיינע פריע לידער וועגן פּאָלעסיע זינגט דער דיכטער:

„איך ליב דיר, פּאָלעסיע,
איך ליב דיינע הימלען,
וואָס הענגען ווי שווערער,
צעגאָסענער בליי.
איך ליב דיינע פעלדער,
וואָס שווייגן און דרימלען
מיט שלומער פון אלול,
אין פריידיקן מאי".

און אין אַן אנדער אָרט זאָגט ער:

„מיט ברוגזע פּנימער קומען די טעג אין מיין היימלאנד פּאָלעסיע,
ווי אורחים יחסנים, פארשעמטע צו אָרעמע טישן געקומען
און גיבן נישט קיינעם קיין שלום, אזוי ווי אין הויז פון אַן אבל,
זיי שטילן דעם הונגער און לאָזן פארנאכט זיך אין וועג
אריין שטומע".



די איבערלעבונגען, וועלכע אַ יידישער דיכטער פון פוילן האָט געדאַרפט דורכמאכן, כדי זיך צו ראַטעווען פון דעם גרויסן היטלערישן פייער און פון דעם ביז גאָר פיינלעכן סטאַלינישן פראָסט, האָבן נישט גורם געווען דערצו, אַז מאַרגנטויס געזאַנג זאָל ווערן פריידיקער און האָפענונגספולער. אמת, אין די צייטן פון זיין זיין אין סאָוויעט-רוסלאנד האָט ער אָפט געשריבן לידער מיט אַן אָפּטימיסטישן אויסקלאנג. עס איז אָבער לחלוטין נישט שווער צו דערקענען, אַז די פרייד אין די דאָזיקע לידער איז נישט קיין נאטירלעכע און אַז זי קומט דערפון וואָס דער... רבי האָט געהייסן פריילעך זיין.

גאָר אַן אנדער קלאַנג באַקומט מאַרגנטויס ליד דעמאָלט ווען ער איז עולה קיין ישראל און פארוואָרצלט זיך דאָ אין לאַנד מיט זיין משפחה. זיין ליד נעמט זיך דאַן ווירקלעך אויסלייטערן און באפרייען פון די „אלולדיקע שטימונגען" אין „פריידיקן מאי". זיין שטים קלינגט אויף מיט מענטשלעכער ווארעמקייט און מיט דעם געפיל פון איינעם וואָס האָט דערגרייכט אל הנחלה ואל המנוחה, און באַזונדערס פילט זיך דאָס אין זיינע קינדער-לידער, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן אויך אין אַ העברעאישער אויפלאַגע.

צוליב די דערמאָנטע מאָטיוון האָט די זשורי איינשטימיק באַשלאָסן צו צוטיילן דעם דיכטער לייב מאַרגנטוי, זכרונו לברכה, די חנה און לייב רובינליכט-פּרעמיע ביים יידישן שרייבער און זשורנאַליסטן-פאַראיין אין ישראל. עס איז אונדזער אלעמענס טיפער צער וואָס דער אומגעריכטער טויט האָט פון אונדז אוועקגעריסן דעם פּרעמירטן חבר און דערפאַר גיבן מיר איבער די אים צוגעטיילטע פּרעמיע אין די הענט פון זיינע יורשים.

# לייב מאָרגנטוי

(פינסק 1905 — חולון 1979)

דער פּאָעט לייב מאָרגנטוי (דער ליטעראַרישער פּסעוודאָנים פון חנן סאָפּאָזשניק), איז געבוירן געוואָרן, אין יאָר 1905, אין דער שטאָט פינסק אין ווייס־רוסלאַנד (בעת דער פּוילישער הערשאַפט צווישן ביידע וועלט־מלחמות — פּאָלעסיע) און האָט דאָרט געלעבט אָן איבעררייס ביזן אויסברוך פון דייטשיש־רוסישן קריג, אין יוני 1941.

דער יונגער חאַניע האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט אין ווערקשטאָט צוזאַמען מיטן פאָטער. פּאַרטייאיש איז ער דאַן געשטאַנען נאָענט צו די לינקע „פּועלי־ציון", און זיך אָפט באַטייליקט אין זייער קולטור־אַרבעט.

די ליטעראַרישע טעטיקייט זיינע האָט מאָרגנטוי אָנגעהויבן סוף די צוואַנציקער יאָרן. ער האָט פאַרעפנטלעכט לידער אין דער וועכנטלעכער פינסקער פּרעסע („פינסקער שטימע" און „פינסקער וואָרט"). עס איז פאַרביי בלויז אַ קורצע צייט און זיינע לידער האָבן אויך אָנגעהויבן דערשיינען אויף די שפּאַלטן פון פאַרשידענע ליטעראַרישע זשורנאַלן אין וואַרשע ווי צ. ב. „ליטעראַרישע בלעטער" און „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור".

אין יאָר 1937 האָט זיך אָרגאַניזירט אין פינסק אַ ספּעציעלער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען ד"ר מאַנדלבוים, וועלכער האָט פאַר זיך געשטעלט די אויפגאַבע אַרויסגעבן לייב מאָרגנטויס לידער און פּאָעמען אין אַ בוך־פאָרם. דאָס דאָזיקע בוך אונטערן נאָמען „אויף פּאָלעסיער ערד", איז טאַקע אין אויבנדערמאָנטן יאָר דערשינען אין וואַרשע. עטלעכע חדשים פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, איז דערשינען אין וואַרשע זיין היסטאָרישע פּאָעמע „אסתרקע". אין יאָר 1941, ווען סאָוויעט־רוסלאַנד האָט שוין געהערשט אין מזרח־פּוילן, פּאָלעסיע איינשליסלעך, איז מאָרגנטויס לידער־בוך וועגן פּאָלעסיע. דערשינען אַ צווייטן מאָל אין מלוכה־פאַרלאַג פון סאָוויעט־רוסלאַנד אין מינסק אונטערן נאָמען „אונטער פּאָלעסיער הימלען"

נאָכדעם, וואָס דאָס דייטשישע מיליטער האָט אַריינגעמאַרשירט קיין פינסק, געלונגט לייב מאָרגנטוי מיט זיין פרוי צו אַנטלויפן פון דער אָקופּירטער שטאָט. ער קומט אָן אין סאַמאַרקאַנד, וווּ ער פאַרבלייבט ביזן סוף קריג. נאָך דער מלחמה קערט ער זיך צוריק, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע רעפּאַטריאַנטן, קיין פּוילן. ער לעבט אין לאָדזש און אין וואַרשע, אַרבעט דאָרט אין דער יידישער פּרעסע און פאַרעפנטלעכט זיין לידער־ביכל „רואינען אין זון" ווי אויך צוויי קליינע לידער־ביכלעך פאַר קינדער.

קיין ישראל האָט לייב מאָרגנטוי עולה געווען צוזאַמען מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, אין יאָר 1957, און זיך באַזעצט אין חולון, ביי תל־אביב. פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט זענען די „חבלי קליטה" זיינע אין לאַנד נישט געווען קיין לייכטע. ער האָט במשך פון אַ ריי יאָרן געאַרבעט אין דער שטאָט־ביבליאָטעק פון חולון און גלייכצייטיק פאָרגעזעצט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. אין יאָר 1968, ווען עס איז געוואָרן פערציק יאָר צו זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, איז דערשינען זיין צונויפגעזאַמלטער לידער־און פּאָעמען־בוך „צער און פרייד", אין „המנורה"־פאַרלאַג אין תל־אביב. אַ גרויס בוך, וואָס ציילט איבער דריי הונדערט זייטן. קינדער לידער זיינע זענען איבערזעצט געוואָרן במשך פון דער צייט אויף העברעאיש, און אין יאָר 1977 דערשינען אין בוכפאָרם אונטערן נאָמען „עץ הכורשים".



# זיאַמע טעלעסין



אין 1971 ווען דער דיכטער זיאַמע טעלעסין איז עולה געווען קיין ישראל, האָט ער שוין געהאט, אין יידיש און אין אויך אין איבערזעצונגען אַ צענדליק ביכער. זיאַמע טעלעסין איז געווען אַן אמתער יגיע כפּיימניק. ער האָט פון יינגלווייז געפּראַצעוועט ביי דער זייט פון זיין טאַטן דעם בלעכער און אין ארום, ווען ער האָט שוין לאַנג אויסגעביטן דעם בלעכערישן האַמער אויף שרייבער-מכשירים, האָט ער נישט אויפגעהערט רומען דעם האַמער און אויך דעם דעמב, וואָס האָט דעם הילצערנעם האַמער געבוירן, ווייל.

ס'איז פונעם דעמב דעם גיבור
זיין האַרבקייט, זיין האַרטקייט זיין גבורה
צו מיר — צום מענטשן אריבער
געהאַרטעוועט אויכעט מיין שורה.

איז טאַקע טעלעסינס שורה אַ געהאַרטעוועטע, אַ פעסט-געקאָוועטע, די בילדלעכקייט און דער רויער שפּראַכלעכער חומר קאָנקרעטע, זאַכלעכע און פּאָעטיש-געלייטערטע.

דער בעל-מלאכהשער אָפּשטאַם און די פּשוטע האָרעפּאַשנע עמק-סביבה אין וועלכער ס'איז דורכגעלאָפן זיין יוגנט אין דער ווייסרוסישער פּאָלעסיע, האָט געלייגט אַ חותם אויף זיין פּאָעטישן לשון, אויף זיין סטיל. אויפן גאַנצן כאַראַקטער פון זיין שאַפן. אלע זיינע לידער-זאַמלונגען אָנטפּילן דעם דיכטערס קאָנקרעטע ביאָגראַפיע. שפּיגלען אָפּ דעם שטייגער וואָס איז אריין אין זיין בלוט און אויך אין די שורות. אָבער זיין דיאַפּאַזאָן איז אַ ברייטער. ער איז אריבערגעוואַקסן די שטייגערישע ראַמען. דער תחום פון זיינע אינטערעסן און אויסדרוקס-מעגלעכקייטן — אַ גרויסער. די הויפּט-מאָטיוון און אָביעקטן, וועלכע ער גיט אַ פאַרצוג אין זיין שאַפן זענען דער מענטש, די סאָציאַלע בעל-מלאכהשע סביבה, אָבער אין דער זעלבער צייט שעפּט ער פון די פאַרשיידנסטע אינספּיראַציע-קוואַלן, ווייל, „ווהין זאָלסט לאָזן זיך, אין וועלכער ריכטונג — אַ וועלט מיט דיכטונג". בולט איז די נטיה פונעם דיכטער צום דערציילערישן ליד. צום ליד מיט אַ סוזשעט און אַ קאָליזיע. אָבער מיר טרעפן אין אלע זיינע ביכער אַ שלל מיט לידער סוביעקטיוו-לירישע, טיף-עמאָציאָנעלע, און אויך נאַטור-לידער, די פאַרליבטקייט אין נאַטור און די מאָלערישע אייגנשאַפטן. מיט דעם האָט אים באַשאָנקען זיין

פּאַלעסיע, אדער אויך זיינע פּייזאזש-מאטיוון זענען נישט סתם-מאַלעריש. זיי טראָגן אויך שטענדיק אַ בולטע פילאָסאָפישע אָנלאָדונג.

ז. טעלעסין איז טרוימעריש און אויסגעשפּראָכן רעאַליסטיש. ער אָטעמט מיט היינטצייטיקייט און וואָרצלט אין טראַדיציעס. ער האָט ליב פּשטות און ער צייכנט זיך אויס מיט דורכזיכטיקער קלאָרקייט און שיקנדיק אָפּ איראָניע-פייַלן אין דער זייט פון די מאָדערניסטיש-פארנעפּלטע אָפּיסן פון אייניקע דיכטער, זאָגט ער וועגן זיך אליין:

אליין איז ער אַן ערדישער, אַן פליטערלער
נישט צוקער-זיס. גאַנץ אָפּט אפילו ביטערלער...

ער פארמאָגט הומאָר, וואָס מאכט זיין רעאַליסטישע ערדישקייט לופטיקער. גיט צו די לידער דערהויבנקייט. מילדערט דעם צער און טרויער. ער האָט געשעפּט פון דער סביבה פולע לאָגלען מיט פאָלקס-טימלעכע סאָקן, וואָס מאכן יאָדערדיק-זאפטיק זיין ליד און זיין אופן הדיבור — פלאסטיש.

אין ישראל איז דערשינען זיין בוך „געוויין פון זכרון”, אין וועלכן עס קומען שוין אריין אויך לידער אויספּירירטע פון דער נייער ווירקלעכקייט. אלץ וואָס ער שאפט די לעצטע צייט פארמאָגט זיינע פריערדיקע מעלות, זאָגט עדות, אז ער האָט נישט אנגעוואָרן זיין אָרגאנישע פאָלקסטימלעכקייט. זיין באָדן איז אלץ די רעאַליטעט, די ערדישקייט. זיין פּאָעטישער טאלאנט איז דאָ אין ישראל באפרייט געוואָרן פון די פענטעס און האָט געוווּנען אין קראפט און אין שוווּנג.

נעמענדיק אין אכט זיינע קינסטלערישע מעלות אין ווערטיקן בייטראָג צו דער יידישער ליטעראטור האָט די זשורי איינשטימיק באשלאָסן צוטיילן די פרעמיע אויפן נאָמען פון חנה און לייב רובינליכט פארן יאָר תשל״ט.

**די זשורי**



## זיאָמע טעלעסין

געבוירן אין קאַלינקאָוויטש — אַ שטעטל אין ווייסרוסלאַנד אין 1909 יאָר. אין 1925 יאָר פאַרענדיקט אַ ווייסרוסישע שול. געאַרבעט אַלס בלעכער.

אין 1931 י. אָנגעקומען לערנען אין מאָסקווער צווייטן אוניווערזיטעט אויף דער יידישער אָפּטיילונג פון ליטע־ראַריש־פילאָלאָגישן פאַקולטעט. נאָכן פאַרענדיקן אים אַריבערגעפאָרן צייט־ווייליק, צוזאַמען מיט זיין פרוי רחל בוימוואָל — קיין מינסק. דאָרטן אַ צייט געווען דער דעקאַן פון דער יידישער אָפּטיילונג אין דעם ווייס־רוסישן פעדאַגאָגישן אינסטיטוט. דאָרט אויך געאַרבעט אין דער צייט־טונג „אָקטיאַבער”, דערנאָך געווען סעקרעטאַר פון אַ ווייסרוסישן קינ־דער־זשורנאַל.

אין מינסק איז דערשינען זיין ערשט ביכל לידער און ווערט אָנ־גענומען אין שרייבער־פאַרבאַנד. גרייט דאָן צו צום דרוק אַ גרעסערע זאַמלונג לידער, וואָס באַווייזט ניט אַרויסצוגיין, ווייל עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה. גייט אַ־וועק פרייוויליק אויפן פראָנט און ערשט צום סוף פון דער מלחמה, זייענדיק שוין אַ קאַפּיטאַן, ווערט ער פאַרוווּנדעט און קומט אָן אין שפּיטאָל.

נאָך דער מלחמה באַזעצט ער זיך ווידער אין מאָסקווע. דאָרטן גייען אַרויס זיינע צוויי לידער־זאַמלונגען, איינע אין יידיש און איינע — אין דער רוסישער איבערזעצונג, ווי אויך ביי אַ צענדליק קינדער־ביכער.

אין ישראל פון 1971 יאָר. דאָ איז דערשינען זיינס אַ באַנד לידער „גע־וויין פון זכרון” (י. ל. פרץ־פאַרלאַג). אַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דעם גרויסן יידישן ווערטערבוך. פאַרשט די שפּראַך פון דער יידישער דיכטונג פון ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט. גרייט צום דרוק אַ נייעם בוך לידער.

באַקומען די יעקב גלאַטשטיין לי־טעראַטור־פרעמיע פונעם אַלוועלט־לעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק, פאַרן יאָר 1973, ווי אויך די ליטעראַטור פרעמיע אויפן נאָמען פון די קדושי לובלין, 1972.

דאָס זענען די ביז־איצט דערשינענע ביכער פון זיאָמע טעלעסין:

אויף דער ליכטיקער וועלט, 1948 יאָר
אויף מיין אייגענער ערד 1939 יאָר
אויף מיינע אחריות, 1968 יאָר
אַ שטעטל באַם דניעפּר, 1966 יאָר
טאַבאַטשניקאָוו (איבערזעצונג)
געוויין פון זכרון, 1971 יאָר

### אויף רוסיש:

לעבעדיקע וואָרצלען, 1957 יאָר
נאָענט צום האַרצן, 1965 יאָר

### פאַר קינדער:

חנוכת הבית
דעם זיידנס קוטשמע
דער לאָשעק
פליך־פליך
אונטערן הויכן וואָלקנדל
טשור־טשורא

# רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק



רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק האָט אין די חורבן-יאָרן אדורכגעמאכט די פּיינען או גרוילן פון געטאָ און טויטנלאגערן. באלד נאָך דער באפרייאונג האָט זי געפונען אין זיך דעם כּוח צו איבערגעבן, דערציילן און אויסוויינען די איבערלעבונגען פונעם פאַרפּייניקטן יידישן מענטש, און דער עיקר פון דער יידישער פרוי און מוטער, זייערע נשמהדיקע ראנגלענישן, זוכענישן און שטרויכלונגען, זייער אמונה און יאוש און — איבער אלע — איר בטחון צו איבערלעבן דעם נאצי.

רבקה קוויאַטקאָווסקי ברענגט ארויס אין איר שאפן די גבורה פון פאַסיוון ווידערשטאנד; די גייסטיקע דערהייבונג איבערן האקנקרעציקן שונא.

דער יידישער מענטש אונטערן נאציזם איז געוואָרפן געוואָרן צווישן צוויי עקסטרעמען: איינער — פון גרענעצלאָזער אמונה, פון גיין צום טויט מיטן געזאנג פון „אני מאמין״ אויף די ליפּן. דער צווייטער — פון פולער כּפירה און רעזיגנאציע. אָט די ביידע עקסטרעמען ברענגט רבקה קוויאַטקאָווסקי ארויס אין אירע ווערק.

רבקה קוויאַטקאָווסקי איז נישט קיין „מוכיח בשער״, זי איז נישט קיין שטראָפערין. זי דערציילט און שילדערט און זי ברענגט ארויס אין איר שאפן טיף-מענטשלעכע איבערלעבונגען פון אַ שרעקלעכער תקופה.

דעם נס פון תקומת ישראל האט רבקה קוויאַטקאָווסקי ארויסגעבראכט אין איר בוך „צווישן כּרמל און ים״. די העלדן פון איר בוך זענען די נייע עולים, די מיט נסים אָפּגעראטעוועטע פון די גאז-קאמערן און קרעמאטאָריעס, די מידע נעונדניקעס, די צוריקגעקומענע פון די ווייטענישן פון רוסלאנד און סאָוויעטישע לאגערן, ווי אויך די פארשטויסענע יידישע שבטים און עדות, וועלכע האָבן געלאָזט זיך צו די אויפגעפראלטע טויערן פון דער אייגענער מדינה.

מיט ליבע און ווארעמקייט באגלייט רבקה קוויאַטקאָווסקי אירע העלדן; זי שילדערט זייערע ראנגלענישן און ספקות, ברענגט ארויס די פּראָבלעמען און שוועריקייטן פאר וועלכע זיי ווערן דאָ אוועקגעשטעלט; זייער עקשנותדיקן קאמף פארן קיום ביים בייקומען אלע נסיונות און שטרויכלונגען, ביים באפרייען זיך פונעם גרויליקן נעכטן, וואָס גייט זיי נאָך אויך אינעם אייגענעם לאנד.

ווי אירע חורבן-דערציילונגען אזוי אויך זענען אירע ישראל-דערציילונגען גענומען פון דערווירקלעכקייט. דער גאנג אין דער אייגענער היים איז נישט אזא ווי מען האָט אים אויסגעטרוימט; ס'איז



שווער און ווייטיקדיק דער פּראָצעס פון פאַרוואָרצלונג אינעם ישראל-באָדן, וואָס ענדערט זיך צוזאמען מיט די מענטשן און ווערט פאַרוואנדלט אין אַ בליענדיקער לאנדשאפט.

רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק שלאָגט אָן פּאַעטישע טענער ביים שילדערן די שיינקייטן פונעם נייעם לעבן; אַ קוואליקער אָפּטימיזם שלאָגט ארויס פון איר שאפן און איבער אלעמען דאָמינירט איר ליבשאפט צום יידישן מענטש, מיט וועלכן ס'איז געשען דער גרויסער נס פון ווידעראויפקום, פון באנייאונג און אויפבלי.

אָפּשאצנדיק דעם וויכטיקן ביישטייער פון אירע שאפונגען פאר אונדזער ליטעראטור, האָט די זשורי איינשטימיק באשלאָסן צוטיילן דער ליטעראַטן-שרייבערין רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק דעם פּרייז פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאליסטן-פאראיין אין ישראל אויפן נאָמען פון חנה או לייב רובינליכט, פארן יאָר 1979.

# רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּינחסיק

געבוירן אין פוילן — לאָדזש, געוואָרן אקטיוו אין „גורדוניה". געווען אין לאָדזשער געטאָ ביז צו דער ליקווידאַציע אין 1944. אין געטאָ געווען אַ מיטגליד אין דער שרייבער־גרופּע. אין 1944 צוזאַמען מיט דער משפּחה פאַרשיקט געוואָרן נאָך אוישוויץ. באַפרייט געוואָרן אין 1945. אין אַ שווערן צושטאַנד איבערגעפירט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּיטאָלן, צווישן אַנדערע אויך אין מאָסקווע. געדרוקט דערציילונגען אין דער „איינקייט". אַנגעקומען נאָך פוילן אין 1946. אָנגעהויבן שרייבן פּויליש. אַרויסגעגעבן: „פון לאַגער אין לאַגער" — פאַרלאַג: „דאָס פּוילישע ייִדנטום", בוענאָס איירעס — 1950,

„היינט" — פאַרלאַג — חיפה",

„נשים מאחורי הגדר" (בעברית), פאַרלאַג־פּרץ — ת"א, 1961

ידיים נאמנות (עברית), פאַרלאַג — „חיפה". — 1969.

באַקומען די בימקאַ־פּרעמיע פאַר דער דערציילונג: „דער טלית" פון בוך „אין זיכערע הענט" — פאַרלאַג חיפה — 1965.

אלף פעם למה? (עברית) פאַרלאַג: „גשר לנוער" — 1971.

טויזנט מאָל פאַרוואָס? — חיפה 1971.

באַקומען פּרס עירית חיפה א. נ. ד. פינסקי.

חיימקה (עברית) פאַרלאַג: מ. ניומן — ת"א. 1975.

„צווישן כרמל און ים", פאַרלאַג: „אַליין", דפוס כפר חב"ד — 1975.

„בין כרמל וים" — פאַרלאַג: „עצמי" — דפוס כפר חב"ד — 1976.



# אפרים שרייער



זיינע ערשטע שרייבערישע טריט האט אפרים שרייער געמאַכט גלייכצייטיק אין צוויי ריכטונגען: א) אין דער ריכטונג פון דער אידעאישער און אידעאָלאָגישער פּובליציסטיק, וואָס האָט אין זיך די פּראָבלעמען פון דער אַקטואַליטעט, ב) אין דער ריכטונג פון דער קונסט און אירע פאַרשידנאַרטיקע פאָרם־אויסדרוקן, וואָס זענען, אַזוי צו זאָגן, למעלה מן הזמן און האָבן צו טאָן מיט דער אייביקייט אין זין פון דער קאָנטינואיטעט פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אויסגעצייכנט האָט זיך אָבער אפרים שרייער מיט דעם וואָס ער האָט נישט פאַרפּלאָנטערט דיביידע קאָנטראַסטיקע תחומים און האָט דאָך אין זיי ביידע אַרויסגעבראַכט זיין אני מאמין, זיין קרעדאָ וועגן דער אויפגאַבע פון מענטשלעכן וואָרט. אפרים שרייער האָט דעביוטירט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה מיט אַ פּובליציסטישן מאמר אין דער אויסגאַבע פון די לינקע פועלי ציון. אין דער זעלביקער צייט האָט ער זיך אָבער, אָפּגעגעבן מיט דעם שטודיום איבער קונסט, בעיקר אין אירע פּלאַסטישע און סצענישע זשאַנערן. און עס איז בפירוש געווען אַ נייעס פאַר יענער צייט, אַז אַ יונגער ייִדישער שרייבער זאָל אַרויסגעבן אַ ביכל וועגן אַ באַרימט געוואָרענער יונגער אַקטריסע אויף דער פּוילישער בינע, וואָס איר נאָמען איז געווען אירענאַ אייכלער און איר אָפּשטאַם איז געווען אַ ייִדישער.

און פון דעמלט ביז היינט גייט אפרים שרייער אויף דעם זעלביקן וועג אויף וועלכן ער האָט זיך פאַרנומען, ווען ער האט אָנגעהויבן שרייבן. מיר טרעפן גאָר אָפט זיין נאָמען אין צייטונגען פון אַ ייִדיש־סאָציאַליסטישער ריכטונג וועגן פראַגן, וואָס האָבן צו טאָן מיטן מאָמענט, מיט דער אַקטואַליטעט אין אונדזער מדינישן און פּאָלקישן לעבן און מיר האָבן דאָס פאַרגעניגן צו לייענען זיינע ביכער וועגן קונסט־פראַגן און כלערליי שעפערישע פּראָבלעמען. און די דאָזיקע ביכער איז אונדז אפרים שרייער נישט בלויז מסביר פאַרשידענע נייע ריכטונגען אין דער קונסט און אין דער ליטעראַטור, נאָר ער באַווייזט אויך מיט ערודיציע און פאַרטיפקייט, וואָס מיר דאַרפן אין אָט די נייע ריכטונגען און שולן אָננעמען און וואָס מיר דאַרפן אָפּוואַרפן. מיט אַנדערע ווערטער: ער לערנט אונדז אַנאַליזירן דאַס קונסט־ווערק מיט אירע קוואַליטעטן און ערשט דאַן עס משפּטן און באַשטימען צי מיר דאַרפן עס אַקצעפּטירן, אָדער נישט. אפרים שרייער איז פאַר דער באַנייאונג אין דער קונסט און ער איז אַן אָנהענגער פון מאָדערניזם. ער האלט אָבער, אַז די וועלט

פון מאָדערניזם באַשטייט אין דעם וואָס ער גיט עפּעס צו צו דער טראַדיציע פון גייסטלעכן שאַפן און נישט אין דעם וואָס זשאָנגלירט מיט נייקייט.

אפרים שרייער האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער אין יידיש און אין עברית. זיינע ביכער פאָדערן אַ באַזונדערן לייענער מיט אַ חוש פאַר טעאָרעטישע באַהאַנדלונגען. אַזעלכע לייענער זענען אין ערגעץ נישט פאַראַן צו פיל, אָבער די וואָס זענען יאָ פאַראַן, ווייסן ווי אַזוי צו שאַצן אַ שרייבער, וואָס געווינט זייער צוטרוי מיט זיין וויסן און צוגאַנג צו די פראַגן, וואָס שטייען ברומו של עולם הקונסט.

אין זיין בוך „בלעטער פון מיין אַלבאָם“ (דערשינען אין יידיש און אין עברית) באַווייזט זיך אפרים שרייער אין אַ פאַר אים נייעם ליטעראַרישן זשאַנער. דאָס איז אַ בוך פון ליריש-ראָמאַנטישע אימפּרעסיעס, וואָס הגם זיי האָבן אין זיך עסעאיסטישע עלעמענטן, זענען זיי אָבער דורכאַויסיקע בעלעטריסטיק און זיי ווייזן אונדז דעם מחבר ווי אַ שרייבער, וואָס פאַראייניקט לירישע מעדיטאַציע מיט בעלעטריסטישער נאַראַציע. זיינע פּרויען-פיגורן אַרום וועלכע עס וויקלען זיך די נאָוועלן זענען געשילדערט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי קריצן זיך איין אין זכרון און ווייזן אונדז זייער חן און זייער טראַגיק.

צוליב די דאָזיקע אויסגערעכנטע מאָטיוון האָט די זשורי איינשטימיק באַשלאָסן צוטיילן אפרים שרייער דעם פּרייז פון חנה און לייב רובינליכט פאַרן יאָר 1979 ביים יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישראל.

**די זשורי**



# אפרים שרייער

געבוירן דעם 8־טן יולי 1911 אין דער קרייז־שטאָט טאָלמיטש, סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט — (מזרח־גאַליציע).

מיטן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג 1914 האָט זיין משפחה זיך עוואַקואירט קיין אונגאַרן. אין די יוגנט־יאָרן געהערט צו „השומר הצעיר“. פון 1929 געהערט צו פּועלי־ציון (לינקע).

אין אָנהויב 30־קער יאָרן אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. דאָרט געענדיקט די שול פאַר פאָלקס־קונסט און מאָלעריי.

אין 1939 אַנטלאָפן פון וואַרשע קיין קאָוועל. פון דאָרט קיין טאָלמיטש. געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פאַר קונסט און קולטור (ביי דער סאָוויעטישער מאַכט).

אין 1940 מאָבליזירט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. דעמאָביליזירט געוואָרן אין ראָסטאָוו און אַריבערגעשיקט קיין סווערדלאָווסק (אוראַל), אין אַן אַרבעטס־באַטאַליאָן.

אין 1946 רעפּאַטראירט קיין פּוילן. נאָכן פּאָגראָם אין קעלץ אַוועק דורך טשעכאָסלאָוואַקיי, קיין עסטרייך, פון דאָרט קיין מינכן.

אין די יאָרן 1946—1950 אין דייטשלאַנד, געזעלשאַפטלעך אַקטיוו: אַ מיטגליד אין די פירנדיקע אינסטאַנצן פון שארית־הפליטה — ציוניסטישע פעדעראַציע, אַ מיטגליד אין צ. ק. פון פּועלי־ציון, שפּעטער פאַראייניקטער פאַרטיי. פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין ייד. שרייבער פאַריין.

אין מינכן רעדאַגירט „ניי־וועלט“, אָרגאַן פון די לינקע פּועלי־ציון. שפּעטער רעד. „דער מאָרגן“. אָרג. פון דער פאַראייניקטער פאַרטיי. מיטרעדאַקטאָר אין ליטעראַרישן זאַמל־העפט „המשך“, געוויילט געוואָרן אין וועלט־ראַט פון ערשטן ייד. קולטור קאָנגרעס אין אַמעריקע. — 1948, אַ דעלעגאַט צום ערשטן ייד. וועלט־קאָנגרעס אין מאָנטרע (שווייץ), אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס פון די ציוניסטישע פעדעראַציעס אין פּאַריז, — 1949.

די ערשטע אַרטיקלען געדרוקט אין דער „אַרבעטער צייטונג“, „פרייע יוגנט“, „פּראָלעטאַרישן־געדאַנק“ (אַמעריקע) — אין די יאָר 1930—1939.

ביז איצט זענען דערשינען שרייערס פאָלגענדע ביכער:

1) אירענאַ אייכלער (קינסטלערישע סטודיע), — 1939 (דאָס לעצט דערשינענע בוך אין יידיש, אין וואַרשע).

2) פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן, פאַרלאַג „נייוועלט“, מינכן — 1948, 3) אמנות ותיאטרון, — פאַרלאַג י. ל. פּרץ — 1958, 4) דיוקן ומסכה, — פאַרלאַג — „מחברות־לספרות“ 1963; 5) „ביי היימישע שוועלן, — פאַרלאַג י. ל. פּרץ, — 1976; 6) בלעטער פון מיין אַלבאָם, — פאַרלאַג י. ל. פּרץ — 1978; 7) עלי־אביב — פאַרלאַג י. ל. פּרץ, — 1979.

זיינע ליטעראַטור־געזעלשאַפטלעכע פּובליקאַציעס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „נייוועלט“, „פאָלקסבלאַט“, „ישראל־שטימע“, „היימיש“, „אַרבעטער־וואָרט“, (פּאַריז), „לעצטע נייעס“, אייניקע אין „על־המשמר“, און „למרחב“, אַלמאַנאַכן און אַנדערע אויסגאַבעס.

רעדאַגירט דאָס יזכור־בוך פון זיין היימשטאָט טאָלמיטש.

## לאַורעאַטן פון דער ערשטער פּרייזן פּאַרטיילונג
## דעם דריטן מאַי 1973

יוסף פּאַפּיערניקאָוו
מאָטל סאַקציער
דינה רויטקאָפּ ז"ל
אליעזר רובינשטיין
אריה שמרי

הירש אָשעראָוויטש
יצחק בראַט
שמעון דזשיגאַן
נחמה ליפּשיץ
אברהם משה פוקס ז"ל

## לאַורעאַטן פון דער צווייטער פּרייזן-פּאַרטיילונג
## דעם 31-טן מערץ 1975

צבי אייזנמאַן
לייב אָליצקי ז"ל

מאיר חרץ
יצחק פּאַנער

## לאַורעאַטן פון דער דריטער פּרייזן-פּאַרטיילונג
## דעם 22-טן אַפּריל 1976

יאָסל לערנער
אלכסנדר שפּיגלבלאַט

הדסה רובין

## לאַורעאַטן פון דער פערטער פּרייזן-פּאַרטיילונג
## דעם 4-טן אפּריל 1977

נחמן ראַפּפּ
שלמה רויטמאַן

ישראל קאַפּלאַן
עובדיה פעלד

## לאַורעאַטן פון דער פינטער פּרייזן-פּאַרטיילונג
## דעם 5-טן יוני 1978

רחל בוימוואָל
שמעון קאַנץ
לייזער פּאַדריאַטשיק

אליעזר אָלעי
מאיר יעלין

## לאַורעאַטן פון דער זעקסטער פּרייזן-פּאַרטיילונג
## דעם 16-טן אפּריל 1979

שפרה ווערבער
אברהם ליס

אסתר ראָזענטאַל-שניידערמאַן
אפרים שעדלעצקי

דפוס „אורלי", ת"א

פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן
אין ישראל

אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל

# ליטעראטור־פאָנד
# א. נ. פון חנה און לייב רובינליכט



3־טע פרייז־פאַרטיילונג פאַר ליטעראטור און קונסט

תל-אביב, י' חשון תשמ"א, 20-טער אָקטאָבער 1980



חנה רובינליכט
זכרונה לברכה



לייב רובינליכט

### לאורעאַטן פון דער ערשטער פּאַרטיילונג

רחל בוימוואַל, שמעון קאַנץ, אליעזר אַלעי
און לייזער פּאַדריאַטשיק

### לאורעאַטן פון דער צווייטער פּאַרטיילונג

לייב מאַרגענטוי ז״ל, זיאַמע טעלעסין, רבקה
קוויאַטקאָווסקאַ-פּנחסיק, אפרים שרייער

זשורי-מיטגלידער: יצחק יאַנאַסאָוויטש (פּאַרזיצער)
מאָטל סאַקציער, עובדיה פעלד, נחמן ראַפּפּ,
שלמה שווייצער און אפרים שרײַער

## פּרייז־פּאַרטיילונג פון ליטעראַטור־פאָנד
## א. נ. פון חנה און לייב רובינליכט

דאָס היי-יעריקע צוטיילן דעם פּרײַז אויפן נאָמען פון חנה רובינליכט און דעם דיכטער לייב רובינליכט פאַלט זיך צונויף מיט דער דאַטע פון צען יאָר זײַט ס׳איז דערעפנט געוואָרן די אייגענע היים פון דער ייִדישער שרײַבער-משפחה אין ישראל — דאָס „לייוויק-הויז״ — 1970—1980.

דער פּרײַז, עטאַבלירט פון אַ דיכטער לטובת יידישע שרייבער — פּראָזאַיקער, דיכטער און עסייאיסטן — איז פון אַ באַזונדער באַדייט. דאָס באַווייזט די באַציאונג פון דעם דיכטער נישט בלויז צו זײַן אייגענער שאַפונג, נאָר עס באַווייזט די ברייטהאַרציקייט און זאָרג פון דעם דיכטער-פּרײַז-עטאַבלירער פאַר דער יידישער ליטעראַטור בכלל.

לייב רובינליכט קומט פון אַ טראַדיציאָנעלער און איינגעזעסענער וואַרשעווער יידישער פאַמיליע, וואָס איז געווען אויסערגעוויינטלעך כאַראַקטעריסטיש פאַר איר צייט, ממש אַ מוסטער פאַר דער אַנטוויקלונג צווישן ביידע וועלט-מלחמות אינעם יידישן לעבן אין פּוילן. די עלטערן, רעליגיעזע, אָבער די קינדער האָבן מיט זייערע פּערזענלעכקייטן אויסגעשטראַלט אין אַלע ריכטונגען פון דעם קולטור-געזעלשאַפטלעכן לעבן ביי יידן. דער ברודער פון לייב רובינליכט, פישל, איז געווען איינער פון די אָריגינעלסטע מאָלער אין יידישן וואַרשע. ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן בעת די נאַציס האָבן באַלאַגערט און באָמבאַרדירט וואַרשע, אין סעפּטעמבער 1939, און ער איז פון די וווּנדן געשטאָרבן. איין שוועסטער פון לייב רובינליכט, פראַנקאַ, אַ קינסטלערין, האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער יידישער אונטערערד-באַוועגונג אין געטאָ וואַרשע. די ייִנגסטע שוועסטער זיינע איז געווען אַ רעזשיסערין. אויך די שוועסטער, וועלכע האָבן זיך נישט אויסגעדריקט אין קינסטלערישער שאַפונג, האָבן געהאַט נשמות פון קינסטלערינס. אַזוי ארום איז נאַטירלעך, וואָס לייב רובינליכט, דער איינציק לעבנגעבליבענער פון דער גרויסער פאַמיליע, איז ממשיך די קינסטלער-טראַדיציע פון דער משפחה רובינליכט ווי אַ יידישער דיכטער. אַליין אַ דיכטער, איז לייב רובינליכט פול מיט פאַרערונג פאַר יידישע שרייבער, און זיין שטאַרקער באגער איז: המשך פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אונדזער פאָלק, דעם שטאַם-פאָלק פון מזרח-אייראָפּע, גרויס געמאַכט. ער טראָגט-ביי דעם יידישן לייענער זיינע אייגענע לידער און ער טראָגט-ביי פאַר יידישע שרייבער אַ סטימול פאַר זיין שעפערישקייט.

אין דעם פּרײַז איז פאַראַן שיינקייט און אויסדרוק פון יידיש-יידישער פילבאַרקייט צו דעם גורל פון דעם יידישן שרייבער ווי צו דער יידישער ליטעראַטור בכלל. מיר פייערן דערום די צוטיילונג פונעם פּרײַז אויפן נאָמען פון חנה און לייב רובינליכט מיט אמתער שמחה.

**מ. צאַנין**
פּאַרזיצער פונעם יודישן שרייבער־פּאַראיין אין ישראל

# אַסיאַ גאַי



די דיכטערין אסיא גאַי, וועלכע געהערט צו די ייִנגסטע אין דער היינטצייטיקער יידישער פּאָעזיע — געהערט צו דער היינט-מאָדערנער דיכטונג פון הערמעטישער און סורשעטנלאָזער פּאָעזיע און זי איז די אויסגעשפּראָכנסטע פאָרשטייערין פאר דער דאָזיקער פּאָעטישער שיטה אין אונדזער ליריק. יעקב גלאטשטיין ע״ה, וואָס איז געווען איר אנטדעקער האָט באצייכנט אירע לידער ווי לירישע און געהאלטן, אז זי פּאַרמאָנט שורות, וואָס זענען פון די בעסטע, וואָס ווערן געשריבן היינט צו טאָג. גלאטשטיין האָט געהאלטן, אז דער כוח פון אסיאן באשטייט אין די שורות, וואָס זענען פאר זיך אליין קורצע, פארענדיקטע לידער. „זיי זענען — שרייבט גלאטשטיין — אריגינעל און דערפינדעריש, אדער זיי זענען אפשר גאָר אינספּירירטע איינפאלן, וואָס בליצן אויף און פארהאלטן דעם לייענער. מען שטעלט זיך אָפּ און מען וויל כאַפּן פון וואַנען זענען די אָריגינעלע בילדער אַנגעפלויגן און ווו און ווי אזוי זענען זיי געבוירן געוואָרן״.

די שיטה פון שטעלן אויף די שורות פונעם ליד און נישט אויף דעם ליד, ווי אַ גאַנצקייט, איז פּראַקטיצירט געוואָרן דורך די „יונגע״ און די „אינזיכיסטן״ מיט גלאטשטיינען אין דער שפּיץ האָבן דווקא נישט שטארק געהאלטן פון דעם דאָזיקן פּאָעטישן אופן פון אויסדרוק. אָבער יעקב גלאטשטיין האָט אין אסיאס לידער אַנערקענט דאָס וואָס ער האָט אפשר נישט געוואָלט אַנערקענען אין זיינע אייגענע לידער. איז דאָס געווען אַן אויסדרוק פון זיין עלטער, אָדער פון אסיאס יונגשאפט? פאר אונדז אין וויכטיק דער פאקט וואָס ער האָט אסיאס לידער-שורות אַנערקענט מיט זיין גאנצער ליטעראטור-קריטישער אויטאָריטעט.

אסיאס לידער פאָדערן אַ ראפינירטן פּאָעזיע-לייענער, ווייל כאָטש מען לערנט זיך גיך אויס אויפנעמען אירע אומגעריכטע „ווערטער-שידוכים״ (ווידעראמאָל גלאטשטיינס אַ באצייכנונג) איז נישט גרינג אויפצונעמען אירע בילד-אסאָסיאציעס. אָבער דאָס וואָס גיט זיך איבער דעם לייענער איז די מוזיק פון איר פּערז, וואָס קלינגט איבער אירע פאנטאסטישע וויזיעס און בלייבט אין אונדזער אויער און אין אונדזער הארצן מיט אַ נאָכקלאַנג פון צארטקייט און אַ פלאטערן ערגעץ-ווו, דאָרט ווו ווערטער האָבן א גרויען אלטן באדייט און נעמען דאָך אָן נייע באדייטן.

אסיאס ערשטער בוך לידער „צווייגן-ציטער״ דערשינען אין פאַרלאַג „המנורה״ אין יאָר 1972, האָט ארויסגערופן אַ גוטן אָפּקלאַנג צווישן די יידישע פּאָעזיע-לייענער, ווי אויך צווישן די ליטעראטור-קריטיקער. ביי דער געלעגנהייט איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז זי געהערט צו די ייִנגסטע



פרויען-דיכטערינס אין מדינת ישראל און אז אויך איר ליד איז יונג אין זין פון ברענגען צום אויסדרוק די נייעסטע פּאָעטישע שטרעמונגען, וואָס הערשן היינט צו טאָג אין דער וועלט-ליטעראטור.

קומענדיק צו דער מסקנה, אז די דיכטערין אסיא פארדינט סטימולירט און אָפּגעשאצט צו ווערן אויף אַ פּאָזיטיוון אופן פאר אירע ביז-איצטיקע לייסטונגען, באשליסט די זשורי איר צוצוטיילן דעם רובינליכט-פּרייז פארן יאָר תשמ״א.

## אַסיאַ גאַי

אַסיאַ גאַי (פון דער היים קוריצקי), געבוירן 1932, אין ווילנע. געלערנט אין אַ יידישער פאָלקס־שול א. נ.: „שמעון פרוג״.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרוואָגלט געוואָרן, מיט איר מוטער, קיין רוסלאַנד. 1946 צוריקגעקומען קיין פוילן, זיך אָנגעשלאָסן אין „השומר הצעיר״.

אירע ערשטע לידער געדרוקט אין זשורנאַל „נידערשלעזיען״, זאַמל־בוך, רעד. פון נחמן ראַפּפּ, „דאָס נייע לעבן״, רעד. דוד ספאַרד, „באַפרייאונג״.

אין 1951, עולה געווען קיין ישראל, געווען אין קיבוץ עמיר, שפּעטער אַרי־בער קיין תל־אביב. געלערנט אין דער דראַמ.־שול פון „קאַמרי״.

אַנדערטהאַלבן יאָר געשפּילט אין „הבימה״.

פון 1958 געלעבט אין ירושלים. 5 יאָר געווען קינדער דערציערין אין כפר השוודי.

געדרוקט לידער אין „די גאָלדענע קייט״, „צוקונפט״, „ביי זיך״, „ישראל שטימע״, „ירושלים־אַלמאַנאַך״, „סבי־בה״, „לעצטע נייעס״.

1972 אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער „צווייגן־ציטער״, פאַרלאַג „המנורה״.

# יחיאל גראַנאַטשטיין



אין קינסטלערישן זין איז דאָס בוך פון יחיאל גראַנאַטשטיין „פרעמדע וועלדער — אייגענע ערד", אַ רעטראָספּעקציע, אַ צוריקבליק צו דעם פאַרגאַנגענעם, צו דעם וואָס האָט אַמאָל געהייסן יידיש לעבן אין פוילן, צו זיין אַזוי גערופענער און אַזוי געמיינטער פאַרוואָרצלטקייט, צו דער פוילישער לאַנדשאַפט, צום פולישן וואַלד, וואָס מען האָט געגלייבט אַז ער איז אייגן, ביז די גרויליקעווירקלעכקייט האָט אויסגערופן, אַז די וועלדער זענען פרעמדע, פיינטלעכע, מיט סכנות נפשות און רעאַלע טויטן דורכגעזאַפטע, און די אייגענע ערד, אָט די אויסגעטרוקנטע, אויסגעמדברטע, דורכגעשרפעט דורך דער אַזיאַטיש-אַפריקאַנער זון, וועלכע דער פוילישער ייד האָט געקענט בלויז פון חומש, איז דווקא אייגענע ערד, צו וועלכער עס דאַרפן פירן דעם ייד אַלע לאַגישקייטן. און אָט די דאַזיקע קינסטלערישע רעטראָספּעקציע פון יחיאל גראַנאַטשטיין, דעם פוילישן ייד, וואָס האָט געטרונקען, סיי דעם ווין פון יידישער טראַדיציאָנעלקייט אויף פוילישער ערד, סיי דעם פיין פון פאַרטיליקונג, פון גרויזאַמער שחיטה איבער זיין פאָלק אויף דער זעלבער ערד, אָט דער דאַזיקער צוריקבליק פון שרייבער גראַנאַטשטיין דאַרף פאַר אונדז אויך אידעאיש קאָנסטאַטירן דעם אומאָפּגעפרעגטן אמת: יענע וועלדער זענען פרעמדע, אונטער אַלע אומשטענדן פרעמדע, גלות-וועלדער, און דעריבער קיינמאָל נישט זיכערע. און דער אויספיר וועגן זיי דאַרף שטענדיק, פריער צי שפּעטער, און טאָקע וואָס מעגלעך פריער, זיין, אַז פון זיי דאַרף מען וואָס גיכער אַוועק, אַוועק אַהין צו דער אייגענער ערד, וואָס צייכנט זיך אויס אונטער אַלע באַדינגונגען מיט איר הויפּט-מעלה: זי איז אייגן.

און ווען מען לייענט איבער דאָס בוך פון יחיאל גראַנאַטשטיין, און מען באַקענט זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון די פאַקטן, קען מען צו קיין אַנדערן אויספיר נישט קומען. ווען אַ פרעמדער, לאָמיר זאָגן אַ נישט ייד, וועט לייענען דאָס דאַזיקע ווערק, וואָס צוגלייך מיט דעם פאַעטישן הויך און לירישן אָטעם וואָס גייט אויף פון כמעט יעדן זייטל, פון יעדן קאַפּיטל, גייט מיט אַ טראַגישער רעאַליטעט, געשילדערט אין שטאַרק רעאַליסטישע פאַרבן, וועט אַזאַ לייענער זיך אַ ביסל וווּנדערן, כאָטשבי אויפן שכל הישר פון יידישן מענטש אין פוילן, וואָס האָט ביי אַלע קלענערע און גרעסערע אומגליקן נאָך אַלץ געוואַרט אויף נאָך אַ צייכן און נאָך אַ צייכן, אַ מענטשלעכן צי אַ געטלעכן, כדי זיך צו איבערצייגן ענדגילטיק אַז די וועלדער זענען טאָקע פרעמדע, סכנותדיקע, און דער ייד דאַרף וואָס גיכער פאַרקערעווען זיין לעבן צו דער אייגענער ערד, כאָטשבי צו ראַטעווען דאָרט זיין פיזישע עקזיסטענץ. יאָ, אַזוי וועט זיך



אויסדאַכטן דעם לייענער ביים ערשטן מאָל איבערלייענען דאָס ווערק פון יחיאל גראַנאַטשטיין, אַ ווערק וואָס איז בזעיר אנפין די עפּאָפּייע פון יידישן לעבן אויף דער פוילישער ערד אין משך פון דורות ביז צו איר גרויליקן סוף.

דאָס ווערק פון יחיאל גראַנאַטשטיין מוז לכל הפחות צוויי מאָל געלייענט ווערן, כדי זיך צו דערשלאָגן צו יענעם פונקט פון אויפרודערונג, פון זוכן שאלות צו תשובות, וואָס מיר מיינען אַז מיר האָבן זיי שוין, נאָך אונדזער טראַגישן נאָך-אַלעמען. און די שאלות דערוועקן זיך, און די תשובות בעטן זיך באַגרינדעט צו ווערן, טאָקע ווען מיר לייענען איבער, קודם כל דעם טייל פון ווערק, וואָס איז פילזאָגנדיק און ס'בעט זיך דערפאַר אויפקלערונג.

יחיאל גראַנאַטשטיין באַצייכנט נישט זיין ווערק לויט אַ ספּעציעלן ליטעראַרישן זשאַנער. עס איז נישט קיין ראָמאַן, נישט קיין נאָוועלע און נישט קיין באַשרייבונג. דאָס ווערק „פרעמדע וועלדער — אייגענע ערד" מאַכט אַן איינדרוק ווי בלעטער געשריבענע אונטער אַן אינערלעכן גייסטיקן דרוק, ווי אַ נויטווענדיקייט וואָס מוז פאַרפיקסירט ווערן און טאָר נישט גיין לטמיון. און נאָר דער שרייבערישער טאַלאַנט פון מחבר און זיין טראַקטירונג פון די טיפן און געשעענישן פאַרוואַנדלען דאָס ווערק אין אַ קינסטלערישע פּראָזע-שאַפונג. די יידישע ליטעראַטור דערוואַרט פון יחיאל גראַנאַטשטיין ווייטערדיקע ווערק וואָס זיין שרייבערישער טאַלאַנט איז מסוגל אונדז צו געבן, סיי וועגן דער אייגענער ערד, וועגן וועלכער עס לאָזט זיך נאָך אַזויפיל זינגען און דערציילן און סיי וועגן יענע פרעמדע וועלדער פון וועלכע דאָס יידישקייט איז שוין פאַרשוווּנדן, אָבער דער שיר מזמור פון יידישער דערהויבנקייט און אצילות וועט קיינמאָל נישט פאַרשטומט ווערן כל זמן עס וועט עקזיסטירן יידיש געביין אויף גאָטס ערד. דער קינסטלער יחיאל גראַנאַטשטיין האָט דעם פולן קרעדיט דערצו.

נעמענדיק אין באַטראַכט די ליטעראַרישע ווערטן פון דעם בוך „פרעמדע וועלדער-אייגענע ערד" און אַנדערע שאַפונגען פון מחבר האָט די זשורי איינשטימיק באַשלאָסן צוטיילן יחיאל גראַנאַטשטיין די ליטעראַטור-פּרעמיע אויפן נאָמען פון חנה און לייב רובינליכט.

## יחיאל גראנאטשטיין

געבוירן אין לובלין, פוילן, א׳ סיון, תרע״ג (געמאָלדן 16.3.1913), ביי שטאַרק פרומע חסידישע עלטערן, אין אין דעם גייסט דערצויגן געוואָרן. געזעסן אין אַ חסידים־שטיבל און געלערנט בהתמדה. שפּעטער געענדיקט עקסטערנע מיטל־בילדונג.

אין די דרייסיקער יאָרן אָנגעהויבן פּאַרעפנטלעכן דערציילונגען אין „דאָס יידישע טאָגבלאַט״ — וואַרשע, „יידישע אַרבעטער שטימע״ — לאָדזש, ווי אויך מיניאַטורן און בילדער אין „לאָדזשער פאָלקסבלאַט״ (מיט אַ וואַרעמער אונטערשטיצונג פון משה בראָדערזאָן, ז״ל).

ביים אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1939, געוואָרן מאָביליזירט דורך דער פּוילישער אַרמיי, געשיקט געוואָרן אויפן פראָנט צו דער דייטשער גרענעץ, נאָך טשענסטאָכאָוו. צוריקגעקומען קיין לאָדזש, אויפגעהאַלטן זיך עטלעכע וואָכן און אַוועקגעלאָזט זיך קיין סלאָנים, צו די רוסן. שפּעטער, געוועזן דאָרט אין געטאָ און פון דאָרט אַוועק אין וואַלד (אין יאָר 1942). און געווען אַ פּאַרטיזאַן אין דער רוסישער בריגאַדע א. ב׳ פון מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי. געדינט ווי אַ פּולעמיאָטטשיק און אָנטיילגענומען אין אַ סך שלאַכטן קעגן די דייטשן, מינירט שאָסייען, באַנען א. אַ. וו.

באַפרייט געוואָרן אין יולי 1944, און אָנגאַזשירט געוואָרן ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ווייסרוסישער צייטונג „טשערוואָנאַיאַ זוויאַזדאַ (רויטער שטערן״) אין באַראַנאָוויטש, איבער די מערבדיקע וואָיעוואָדזטוועס פון ווייסרוסלאַנד. גלייך ביי דער ערשטער געלעגנהייט רעגיסטרירט זיך אויף רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן און אָנגעקומען קיין לאָדזש אין אַפּריל 1945.

אין זומער 1946 אָנגעקומען קיין פּאַריז, געוואָרן רעדאַקציע־מיטגליד פון דעם יידישן וואָכנבלאַט „בשער״ פון פּועלי־אגודת־ישראל, און דערנאָך, זיין רעדאַקטאָר.

אין פּאַריז איז דערשינען דאָס ערשטע בוך „איך האָב געוואָלט לעבן״, אַרויסגעגעבן דורכן יידישן פּען־קלוב אין פראַנקרייך.

אין יאָר 1950, עולה געווען קיין ישראל. אָנגעהויבן מיטבאַטייליקן זיך אין „די לעצטע נייעס״, „הצופה״, „שערים״, „המודיע״ און שפּעטער אויך פּאַרעפנטלעכט דערציילונגען און מיניאַטורן, אין „דבר״, „אמר״, „זמנים״, „הבוקר״, „מעריב״, „ידיעות אחרונות״ א. אַנד.

אין 1955 איז דאָס בוך „איך האָב געוואָלט לעבן״ איבערגעזעצט געוואָרן דורך י. גינתון ז״ל אויף עברית און איז דערשינען אין פאַרלאַג „מורשת״, ת״ל א. נ. יהודי ביער״.

דאָס ערשטע בוך אין עברית איז דערשינען אין פאַרלאַג „קרית ספר״, ירושלים (אין יאָר תשי״ט) און טראָגט דעם נאָמען „אורות מאפל״. אין יאָר תשל״ה איז דערשינען דאָס בוך דערציילונגען „שמש בענן״, אַרויסגעגעבן דורכן „מוסד הרב קוק״, ירושלים.

„פרעמדע וועלדער — אייגענע ערד״ איז דערשינען אין יאָר תשל״ט אין י. ל. פרץ פאַרלאַג. מיט עטלעכע טעג צוריק איז דערשינען דאָס בוך אין עברית „שלכת באביב״ (מיניאַטורן און קורצע דערציילונגען) אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „סיפן״ ירושלים, 1980.

צוזאַמען מיט יידישן פּאַרטיזאַן משה קאַגאַנאָוויטש — אַרויסגעגעבן „לקסיקון הגבורה״ איין צוויי בענד, וועגן געפאַלענע יידישע פּאַרטיזאַנער אין די רוסישע געביטן (אַרויסגעגעבן דורך „יד ושם״ ערשטער באַנד אין יאָר תשכ״ה, צווייטער — אין יאָר תשכ״ט).

דאָס בוך „שמש בענן״ — פּרעמירט דורכן „פרס שפירא״ פאַר ליטעראַטור.



## הערץ גראָסבאַרד



דער גרויסער, טראַגיש-אומגעקומענער יידישער שרייבער דוד בערגעלסאָן האָט אָנגערופן הערץ גראָסבאַרדן „דער בעל תפילה פון דער יידישער ליטעראַטור״. יעדער בעל תפילה איז אַ שליח ציבור און הערץ גראָסבאַרד איז דער קינסטלערישער שליח ציבור פון דער יידישער ליטעראַטור. אין אים האָט די יידישע ליטעראַטור געפונען נישט נאָר איר גרויסן אויסטייטשער, נאָר אויך איר גרויסן אַנטדעקער. מען גיט זיך היינט נישט אָפּ קיין רעכענונג אַז צענדליקער שאַפונגען פון יידישע פּאָעטן און פּראָזאַאיקער זענען צום ערשט דערגאַנגען צום ברייטן עולם און זענען פּאָפולער געוואָרן אַ דאַנק הערץ גראָסבאַרדן און זיינע רעציטאַציעס. עס איז אַ ספק צי דער גרויסער ממשל אליעזר שטיינבאַרג, משה נאַדיר, צי אהרן לוצקי וואָלטן אַזוי באַוווּסט געוואָרן אין דער גרויסער יידישער וועלט ווען הערץ גראָסבאַרד וואָלט זיי נישט אַנטדעקט און פּאָפּולאַריזירט. אָבער דאָס איז נאָך נישט דער עיקר: גראָסבאַרד האָט די דאָזיקע דיכטער און זייערע שאַפונגען נישט בלויז אַנטדעקט און באַקאַנט געמאַכט בכל תפוצות ישראל, נאָר ער האָט אונדז אויך געלערנט די דאָזיקע שאַפונגען אויפצונעמען און צו פאַרשטיין. ער האָט אונדז צו זיי געגעבן אַ שליסל און אויך אַ צוגאַנג צו זייערע ווערטן. ער האָט ביי אונדז באַרימט געמאַכט די דאָזיקע שרייבער און האָט אונדז געוויזן דעם וועג צו זייער שאַפערישער וועלט. ער האָט אַרויסגעבראַכט דאָס פאַרבאַרגענע אין זייערע שאַפונגען, דאָס באַהאַלטענע צווישן זייערע שורות, דעם ווידערקול אויף זייער קול. ער איז דעריבער געוואָרן אַ פולער מיט-שותּף צו זייערע יצירות, צו זייערע דערגרייכונגען און קינסטלערישע קוואַליטעטן.

גראָסבאַרד האָט דאָס אַלץ דערגרייכט אַ דאַנק זיין קינסטלערישער פּערזענלעכקייט, אַ דאַנק זיין יחיד במינודיקן טאַלאַנט. אָבער ער האָט דאָס אויך דערגרייכט מיט זיין טיפער ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור. מיט זיין גרויסער איבערגעגעבנקייט צו דעם שעפערישן יידישן וואָרט. מיט זיין אחריות פאַר יעדן אויסדרוק פון דער יידישער קונסט-יצירה. דאָס האָט געבראַכט דערצו אַז הערץ גראָסבאַרד זאָל דורך יידישע שרייבער און קינסטלער אין דער גאַנצער וועלט באַטראַכט ווערן נישט נאָר ווי אַ פענאָמענאַלע קונסט-דערשיינונג, נאָר אויך ווי אַ קולטור-דערשיינונג, דאָס הייסט: ווי אַ קינסטלער וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ הויכע פּאָזיציע אין דער יידישער קולטור.

אין די לעצטע יאָרן ווערן געמאַכט פּרוּוון צו שאַפן קאָמפּענדיומס פון דער יידישער ליטעראַטור. מיר ווייסן אָבער נישט פון קיין שום פּרוּוו צו שאַפן אַזאַ קאָמפּענדיום וואָס זאָל זיין מער געלונגען ווי די סעריע פון די 10 פּלאַטן פון דער יידישער ליטעראַטור וואָס גראָסבאַרד

האָט געשאפן. איר האָט אין דער סעריע נישט בלויז דאָס בעסטע פון אונדזער ליטעראַרישן אוצר, פון די קלאסיקער ביז צו אונדזערע מאָדערניסטן, נאָר איר האָט אין זיי אויך דעם מייסטער הערץ גראָסבאַרד וואָס פארטייטשט אייך די דאָזיקע שאפונגען, וואָס שפילט זיי פאר אייך אויס און גיט אייך דעם סינטעז פון צוויי קונסטן וואָס איינע דערהויבט און באקרעפטיקט די צווייטע.

צוליב זיינע גרויסע פארדינסטן פארן יידישן וואָרט, פאר דער יידישער קונסט האָט די זשורי פון דעם פאָנד אויפן נאָמען פון חנה און לייב רובינליכט באשלאָסן היי-יאָר צו צוטיילן די פרעמיע דעם מייסטער הערץ גראָסבאַרד, אלס אויסדרוק פון אָנערקענונג און פארערונג.

## הערץ גראָסבאַרד

געבוירן אין לאָדזש. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציאונג און וועלטלעכע בילדונג.

נאָכן ענדיקן אַ דייטשע דראַמאַטישע שול האָט ער אַ קורצע צייט געשפּילט אין דער „ווילנער טרופּע" אין וואַרשע, דערנאָך אין „יידישן קינסטלער טעאַטער" (אַ גילגול פון דער „ווילנער טרופּע") אין בערלין.

שפּעטער אַריבער צו דער דייטשער בינע; געשפּילט אין „רענעסאַנס טעאַטער", „פאָלקס־בינע" און פּיסקאַטאָרס טעאַטער" אין בערלין, און אין שטאָטישן דייטשן טעאַטער אין פראַנקפורט ביים מאַין. גלייכצייטיק אויך אויפגעטראָטן מיט וואָרט־קאָנצערטן אין יידיש. פון אָנהייב דרייסיקער יאָרן זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן צו דער רעציטאַציע־קונסט.

נאָך אַ צאָל לאַנגע קאָנצערט־טורן אין פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, פינלאַנד, דענעמאַרק, פראַנקרייך, בעלגיע און דרום־אַפריקע איז הערץ גראָסבאָרד מיט זיין פרוי, וואָס האָט אים געטריי באַגלייט אויף אַלע זיינע וואַנדערונגען, דעם 8־טן אויגוסט 1939 אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס אויף אַ קאָנצערט־טור אין אַרגענטינע.

דריי וואָכן שפּעטער איז אויסגעבראָכן די מלחמה און זיי זענען שוין ביזן יאָר 1946 געבליבן אין דרום־אַמעריקע. אין דער צייט אויפגעטראָטן מיט וואָרט־קאָנצערטן אין אַרגענטינע, בראַזיל, טשילע, אורוגוואַי און באָליוויע.

אין 1946 איז גראָסבאָרד אָנגאַזשירט געוואָרן פון אַרבעטער רינג אין ניו יאָרק אויף אַ קאָנצערט־טור אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין 1951 עמיגרירט קיין קאַנאַדע און אין 1957 באַקומען די קאַנאַדישע בירגערשאַפט. פון קאַנאַדע אַרויסגעפאָרן אָפט אויף קאָנצערט־טורן: קיין פראַנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד, שוועדן, האָלאַנד און ישראל.

אין יאָר 1955 געקומען צום ערשטן מאָל קיין ישראל. געהאַט זיין ערשטן וואָרט־קאָנצערט אין גרויסן זאָל פון טעאַטער „הבימה". זינט דעמאָלט כמעט יעדעס יאָר געקומען קיין ישראל אויף אַ לענגערע צייט; געהאַט עטלעכע הונדערט קאָנצערטן אין לאַנד, איבער הונדערט אין די קיבוצים. אין 1971 זענען די גראָסבאַרדס מיט מזל געוואָרן בירגער פון מדינת ישראל.

הערץ גראָסבאַרד האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן אויף אייגענער איניציאַטיוו און אחריות צען לאַנגשפּילנדיקע גראַמאָפאָן־פּלאַטעס און איין קאַסעטע, וואָס זענען כולל אַכציק שאַפונגען פון זיבעצן דיכטערס און פּראָזאַיקערס און פון יידישן פאָלקלאָר. ס'איז אַ קלאַנג־אַנטאָלאָגיע פון אַ קליינעם טייל פון זיין רעפּערטואַר.

אין 1973, צום 30טן יאָרצייט פון משה נאַדיר, האָט גראָסבאַרד אַרויסגעגעבן אין פּרק־פאַרלאַג אַ בוך „נאַדיריזמען", — אַ זאַמלונג פון אַפּאָריזמען, פּאַראַדאָקסן, ווערטערשפּיל און פּאָעטישע פּראָזע, וואָס ער האָט אָפּגעקליבן פון עטלעכע און צוואַנציק בענד משה נאַדיר־שריפטן.



## קלמן סעגאל



דער פריצייטיק-פארשטאָרבענער קלמן סעגאל איז געווען איינער פון אונדזערע פראָדוקטיווסטע שרייבער און ער האָט זיין שעפערישקייט געבראַכט צום אויסדרוק אין פארשידענע זשאנערן, ווי ליד, דערציילונג און רעפּאָרטאזש. ער האָט ארויסגעגעבן ביז 20 ביכער און ביכלעך אין פויליש און אַן ערך 8 אָדער 10 ביכער אין יידיש. זיינע ביכער האָבן אויך זוכה געווען צו אַ העברעאישער איבערזעצונג און זיי זענען געלויבט געוואָרן דורך דער ליטעראַרישער קריטיק אין ישראל.

קלמן סעגאל האָט אָנגעהויבן שרייבן זייענדיק אין די דייטשע לאגערן (די מלחמה-יאָרן איז ער געווען אין סאָוויעט-רוסלאנד). פון דייטשלאנד האָט ער זיך אומגעקערט קיין פוילן און דאָרט האָט זיך צעבליט זיין ליטעראַרישער טאלאנט. ער האָט געשריבן און פארעפנטלעכט לידער און דערציילונגען אין יידיש. אין יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן פויליש און האָט אויך אין פויליש פארעפנטלעכט אַ ריי ביכער. סיי זיינע יידישע ווערק, סיי זיינע פוילישע האָבן געקריגן אַ גוטן אָפּרוף און ער האָט פאר זיך געהאט אַן אָפענעם וועג צו אַן אָנגעזעענער ליטעראַרישער קאריערע. ער האָט אָבער די דאָזיקע קאריערע זיך אליין צעשטערט און איז עולה געווען קיין ישראל ווו ער האָט געדארפט שטעלן זיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַרישער עפנטלעכקייט.

אין ישראל זענען דערשינען צוויי פון זיינע ביכער אין יידיש. איין בוך „געזעגענונג" איז באשטאנען פון לידער און דאָס צווייטע בוך „אליינקייט" האָט אנטהאלטן אַ ריי דערציילונגען וואָס דער שרייבער האָט אָנגעשריבן אויף דער ישראלדיקער ערד, וווינענדיק אין ירושלים ווו ער האָט געארבעט אלס רעדאקטאָר פון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג אין דער יידישער ראדיאָ-אוידיציע פון שידורי ישראל.

סיי אין זיינע לידער, סיי אין זיינע דערציילונגען קערט זיך סעגאל א סך מאָל אום צו דעם מאָטיוו פון טרויער איבער דעם חורבן פון מזרח-אייראָפּעאישן יידנטום. „כ'האב ווידער געזען מיין אלטע היים" איז דאָס ערשטע ליד פון זיין בוך „געזעגענונג". אָט דאָס ווידער זען זיין אלטע היים וואָס לעבט שוין איצט בלויז אין זיין דמיון און אין זיין זכרון, איז אַ גאָר אָפטער מאָטיוו סיי אין זיין פאעזיע, סיי אין זיין פּראָזע.

אַ ליריקער אין זיינע לידער איז ער אַן אויסגעשפּראָכענער דערציילער אין זיין פּראָזע. אויך זיינע דערציילונגען זענען לרוב געווידמעט דעם לעבן אין דער אלטער היים וואָס איז פארשניטן געוואָרן. אָבער די מערסטע און די בעסטע דערציילונגען זיינע זענען די אין וועלכע ער שילדערט דעם עכא פון דעם צייט-שטורעם אין יידישן הארצן, דאָס הייסט: דאָס ווידערקול פון דער טראגעדיע וועלכע האלט נאָך אלץ אין איר קלעם די וואָס האָבן געראטעוועט זייער נפש פון גרויסן פייער. באזונדערס שטארק זענען די סורעאליסטישע דערציילונגען אין

וועלכע דער שרייבער פאַרפיקסירט די קאַשמאַר-איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן מענטש וואָס מוז פאַרלאָזן פוילן צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם וואָס בליט דאָרט אין די אַלטע אָבער אויך אין די נייע לעבנס-פאָרמען. פאַראַן אויך ביי אים דערציילונגען וואָס שילדערן דעם עלנט וואָס באַגלייט דעם ייִד פון פוילן אויך דאָ, אין זיין נייער היים, אין ישראל.

אין קלמן סעגאַלס שרייבן פילט מען די שרייבערישע קולטור פון דער פוילישער ליטעראַטור. זיין דערציילונג דערציילט עפּעס און זי פאַרמאָגט אַן אָנהייב, אַ מיטן און אַ סוף, אפילו אין די דערציילונגען וואָס זענען פול מיט קאָשמאַר און כאַאָס, איז דער דאָזיקער כאַאָס קינסטלעריש אָרגאַניזירט און ער רופט אַרויס די עמאָציעס וואָס קונסט איז מחויב אַרויסצורופן.

בעת אונדזער זשורי האָט צוגעטיילט די פּרעמיע פון רובינליכט-פאָנד דעם שרייבער קלמן סעגאַל האָט ער נאָך געלעבט און מיר האָבן אים נאָך געקענט ווינטשן אַ סך יאָרן פון שעפערישקייט. איצט, ווען ער איז שוין מער נישטאָ צווישן אונדז, קומט אויס צו ווינטשן זיך, אַז מיר זאָלן זיין נאָמען נישט פאַרגעסן. דאָס איז דער זין פון דער באַערונג וואָס מיר טיילן אים צו מיט דער דאָזיקער פּרעמיע.

## קלמן סעגאַל

קלמן סעגאַל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1917 אין סאַנאָק (סוניק), גאַליציע. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרעמער לאַנדווירט אין אַ דאָרף נעבן סאַנאָק. קלמן סעגאַל האָט באַקומען אַ ייִדישע און אַלגעמיינע דערציאונג. ער האָט פאַרענדיקט אַ גימנאַזיע און שפּעטער שטודירט אין קראָקע און אין ווילנע. אין ווילנע האָט ער אויך אַ געווויסע צייט מיטגעאַרבעט מיטן ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. די יאָרן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען פאַרשיקט אין אַ סאָוויעטישן לאַגער אין קאַלימאַ. צו־ריקגעקערט זיך קיין פוילן אין יאָר 1946 · דעביוטירט מיט די ערשטע לידער אין דער נאָכמלחמהדיקער ייִדי־שער ליטעראַרישער פּרעסע אין פוילן. אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן האָט קלמן סעגאַל פאַרעפנטלעכט אַרום 30 ווערק אין פויליש און אין ייִדיש. ער האָט געשריבן פּראָזע, נאָוועלן און לי־דער. צו זיינע באַדייטנדיקסטע ווערק דאַרפן פאַררעכנט ווערן: „דער טויט פון אַן אַרכיוואַר", „אַ שטעטל ביים סאַן", „דער מערדער מוז שטאַרבן", „דער טאָל פון גרינעם ווייץ", „געט־רייע ליבע", „ביים טייך סמבטיון" און אַנדערע. די ווערק זיינע זענען אין פוילן אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די וויכטיקסטע מלוכהשע פאַרלאַגן, ווי: „איסקראַ", „קשאָנזשקאַ אי וויע־דזאַ" און „פ.י.ו."

קיין ישראל איז סעגאַל עולה געווען אין יאָר 1969. אין ישראל האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך דערציילונגען אונטערן נאָמען: „אַליינקייט", און אַ בוך לידער „געזעגענונג" — ביידע ביכער אין ייִדיש. אין העברעישער איבערזעצונג זענען אַרויס דריי ביכער „מות הארכיבר", „בית הקפה המכושף" און „הזדהות". אין דרוק געפינט זיך איצט דאָס בוך „ווו שמעטערלינגען שוועבן", וואָס איז אויסגעצייכנט גע־וואָרן דורכן ירושלימער „האָראָוויץ־פאָנד".

קלמן סעגאַל איז אויך געווען לי־טעראַרישער לייטער פון דער ייִדיש אוידיציע אין „קול ישראל".

ער איז געשטאָרבן דעם 18־טן מאַי 1980.

דפוס אורלי, תל-אביב

פאַראיין פון יידישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן
אין ישׂראל

אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל

# ליטעראַטור־פאָנד
## א"נ פון חנה און לייב רובינליכט



4־טע פרײַז־פאַרטיילונג פאַר ליטעראַטור און קונסט

די זשורי:

אַברהם ליס (פּאָרזיצער)
מאיר יעלין, עובדיה פעלד,
אפרים שרײַער

תל־אָביב, כ"ב תשרי תשמ"ב, 20סטער אָקטאָבער 1981



חנה רובינליכט
ז״ל



לייב רובנליכט

לאַורעאַטן פון דער ערשטער פּאַרטיילונג

אליעזר אָלעי, רחל בוימוואָל
לייזער פּאָדריאַטשיק, שמעון קאַנץ

לאַורעאַטן פון דער צווייטער פּאַרטיילונג

לייב מאָרגענטוי ז״ל, זיאַמע טעלעסין,
רבקה קוויאַטקאָווסקאַ־פּנחסיק, אפרים שרײַער

לאַורעאַטן פון דער דריטער פּאַרטיילונג

קלמן סגל ז״ל, אַסיאַ גאַי,
יחיאל גראַנאַטשטיין, הערץ גראָסבאַרד

## די 4טע פּרײַז־פּאַרטיילונג פונעם ליטעראַטור־פאָנד א״נ פון חנה און לייב רובינליכט

דער שיינער קרײַז לאַורעאַטן פונעם פּרײַז א״נ פון חנה און לייב רובינליכט באַקומט בײַ דער פערטער פּאַרטיילונג פֿון דאָזיקן פּרײַז, היינטיקס יאָר, דרײַ אויסגעצייכנטע מיטגלידער: גיטל מײַזיל, הדסה קעסטין און לייבל קופּערשמיד — דרײַ באַזונדערע שעפע־רישע געשטאַלטן אין דער וואָרטקונסט אין יִידיש: גיטל מײַזיל — די עסייִסטין, הדסה קעסטין — די שוישפּילערין און רעציטאַטאָרין און לייבל קופּערשמיד, איינער פון די אָריגינעלסטע פּאָעטן אין דער יִדישער ליטעראַטור.

פון סאַמע אָנהייב אָן האָב איך אין דעם רובינליכט־פּרײַז געזען דעם אָריגינעלן און אַפילו פּאַטעטישן מאָמענט:

קינאת־סופרים איז אַ נאַטירלעך געפיל, ווי עס איז נאַטירלעך יעדער מין אײפערזוכט. צו גלײַך אָבער פאָדערט זיך גרויסמוטיקייט פונעם סופר צו קענען גובר זײַן דאָס נאַטירלעכע געפיל און זיך זען ווי אַ גלײַכן צווישן גלײַכע, וואָס ווי אַ קאָלעקטיוו בויען זיי צוזאַמען, און יעדער איינציקער אויף זײַן געביט, דעם נאַציאָנאַלן קולטור־בנין.

אין די לעצטע וואָכן איז געשען אַ פאַל ווי אַ יִדישער שרײַבער, וואָס האָט גענוג מאָטיוון צו זײַן זאַט און באַרוּיקט אין זײַן געפיל פון קינאת־סופרים מחמת זײַן שרײַבערישן דערפאָלג נישט נאָר בײַ יִדן, האָט אין אַן אינטערוויו אין אַ פראַנצייזישער גרויסער צײַטונג צו נישט געמאַכט די גאַנצע יִדישע ליטעראַטור צוזאַמען מיט די קלאַסיקער און אַלע גרויסע דערגרייכונגען אין אונדזער פּראָזע, פּאָעזיע און עסייִסטיק. דערמיט האָט ער מסתמא געמיינט צו בלײַבן איינער אליין, ווי דער ערשטער און לעצטער אין יִדיש. איך האָב דערמאָנט דעם פאַל כּדי צו באַווײַזן צו וואָס עס קען דערגיין אַ שרײַבער ווען קינאת־סופרים פאַרוואַנדלט זיך בײַ אים אין אַ קאָמפּלעקס מיט שׂינאה, בעת ער איז גײַסטיק צו קליין צו קענען גובר זײַן דאָס פּרימערע געפיל פון אײפערזוכט אויך און אַפילו צו טויטע ליטעראַטור־מײַסטער.

לייב רובינליכט איז אַ דיכטער, איינער פון אונדזערע דיכטער, וואָס טראָגט צו זײַן בײַשטייער צו דעם גרויסן און אימפּאָזאַנטן

בנין פון דער יידישער ליטעראַטור. איך ווייס נישט ווי שטאַרק עס איז ביי אים דאָס געפיל פון קינאת-סופרים, אָבער ער איז זיכער נישט באַפרייט פון דעם געפיל, ווייל נישטאָ אַזאַ דיכטער אָדער פּראָזאַיקער וואָס וואָלט נישט געוואָלט זיין דער מחבר פון אַ גוט ליד, אָדער נאָוועלע, צי ראָמאַן פון אַן אַנדער שרייבער. דאָך רובינליכטס איידלקייט און גרויסמוטיקייט האָבן נישט בלויז גובר געווען אין אים דאָס געפיל פון קינאת-סופרים, נאָר ער האָט דערצו געשאַפן דעם פאָנד כדי מיט פּרייזן פון דעם פאָנד צו דערמוטיקן יידישע פּאָעטן, פּראָזאַיקער, עסייאיסטן און וואָרטקינסט-לער, צו דערהייבן זייער זעלבסטגעפיל און זעלבסטזיכערקייט, וואָס איז אַזוי שטאַרק נייטיק אַ יידישן שעפערישן מענטש אין דער איצטיקער תקופה.

אַ דיכטער וואָס דערמוטיקט אַנדערע דיכטער, אַנדערע פּראָזאַ-יקער, עסייאיסטן און וואָרטקינסטלער און איז מיט זיין פּרייז גורם צו זייערס אַ יום-טובדיקער, פייערלעכער שעה — דאָס איז דאָס אָריגינעלע און דאָס פּאַטעטישע וואָס איך האָב דערמאָנט אין אַ פריערדיקער שורה.

ווינטש איך דעם שעפער פון דעם פּרייז און די פּרייז-געווינער מיר זאָלן זוכה זיין צו אַ סך יום-טובים אין אונדזער שרייבערי-שער משפחה אין דער תקופה, וואָס פאַרמאָגט אַזוי ווייניק יום-טובים און אַזוי ווינציק פייערלעכקייטן.

**מ. צאַנין**

פּאַרזיצער פונעם פאַראיין פון יידישע
שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל



## גיטל מייזיל



ס'ווערט 60 יאָר זינט גיטל מייזיל האָט אָנגעהויבן איר שרייבערישע טעטיקייט מיט אַן אַרטיקל וועגן פּאָעט אָשר שוואַרצמאַן אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג", און זינט דעמאָלט טוט זי איר דאָזיקע עבודה מיט פלייס און באַשיידנקייט. זי איז געבוירן אין קיעוו און געוואַקסן אין אַ שטוב, וואָס אירע טירן זענען געווען אָפן פאַר דער אויפגעקומענער אין די יאָרן פון פאַר דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד פלעיאַדע גרויסע יידישע וואָרטשאַפערס. דוד בערגעלסאָן, אַ קרוב פון דער משפחה, און דוד האָפשטיין, אָשר שוואַרצמאַן און פּרץ מאַרקיש, דער נסתּר און קוויטקאָ זענען דאָ געווען בני-בית. דער בכור פון די מייזילס, נחמן, איז טאָקע אויסגעוואַקסן צום באַטייטנדיקן אָרגאַניזאַטאָר, פאָרשער און קרי-טיקער פון דער יידישער ליטעראַטור.

וועגן איר ליטעראַרישן דעביוט דערציילט גיטל מייזיל: ווען זי איז אין יאָר 1922 געקומען פון רוסלאַנד קיין וואַרשע און דערציילט אירע איבערלעבונגען, איינגעשלאָסן זכרונות וועגן די יונגע שרייבערס, אַריינ-גייערס צו זיי אין שטוב, האָבן אירע צוויי עלטערע ברידער, נחמן און יעקב, זי ממש געצוווּנגען צו זיצן צוויי טעג אין שטוב, ביז זי האָט ניט אַרויפגעבראַכט אויפן פּאַפּיר די זכרונות וועגן שוואַרצמאַנען.

אין די עטלעכע יאָר, וואָס גיטל האָט פאַרבראַכט אין וואַרשע, איז זי געווען זייער פּראָדוקטיוו, בעיקר ווי אַן איבערזעצערין. קענענדיק אויסגעצייכנט רוסיש, האָט זי איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן אַן אָפּקלייב פאַר יוגנט פון די ווערק פון טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי און טורגעניעוו, וואָס מען האָט דערנאָך געלייענט און געלערנט אין די יידישע שולן.

געקומען 1928 אויף שטענדיק אין ארץ-ישׂראל, בעת די מערכה פון יידיש איז דאָ געווען ווייט ניט קיין געהויבענע, האָט זי מיט אַ גוואַל-דיקער עקשנות גערעדט אין איר היים יידיש מיט די אייגענע (זי איז געווען די פרוי פון דעם הבימה-אַרטיסט בן-חיים ז"ל) און בלויז אויף דער שפּראַך געשריבן, הגם זי האָט באַהערשט אַ גוטן עברית. אויך פאַר דער היגער העברעישער פּעריאָדיק האָט זי אַלע מאַטעריאַלן פּרינ-ציפּיעל געשריבן אין יידיש, ווייל זי איז אַ יידיש-שרייבערין מיט איר פולן באַוווּסטזיין און נשמה-ברען. און ווידער אַ ציקאַווער עפּיזאָד. בעת אַברהם שלאָנסקי איז צו איר צוגעשטאַנען זי זאָל סוף-כל-סוף אירע מאמרים פאַר דער היגער פּרעסע נעמען שרייבן אין עברית, האָט זי אים געענטפערט, אַז גיכער וועלן דערשיינען זיינע ווערק אין יידיש, איידער זי וועט אָנהייבן שרייבן עברית. בעת-מעשׂה האָט עס געקלונגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער אין יאָרן אַרום, ווען אַן אָפּקלייב פון שלאָנסקיס

פּאָעזיע איז דערשינען אין ייִדיש (איבערגעזעצט פון משה יונגמאַן), האָט איר שלאָנסקי אַריינגעשיקט אַ בוך און אָפּגעמערקט אין דער דעדיקאַציע, אַז זי איז געבליבן גערעכט...

אין 1974 איז אין פרץ-פאַרלאַג, תל-אָביב, דערשינען גיטל מייזילס אַרומנעמענדיק בוך „עסייען", וואָס דערמעגלעכט אַ ברייטערן אַריינבליק אין איר שאַפן, הגם ס'איז בלויז אַ קליינער אָפּקלייב פון דעם, וואָס זי האָט אין משך פון יאָרן געשריבן און פּובליקירט. פּאָרטרעטן פון די ייִדישע שרייבערס דוד בערגעלסאָן, דער נסתּר, פרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, וואָס קומען אַריין אין בוך, האָבן אַן אויסנעמיקן ווערט שוין צוליב זייער אויטענטישקייט. ניטאָ קיין שטריך פון די דאָזיקע שרייבערס, קיין אַרויסזאָגונג אָדער אַ ציטאַטע פון זייערע רייד, וואָס די אויטאָרין האָט ניט געזען מיט אירע אויגן, ניט געהערט מיט אירע אויערן. אַלץ איז דאָ שטאַרק אויטענטיש, געצייכנט, ווי מען רופט עס אָן — „פון דער נאַטור".

גיטל מייזיל באַרירט אין איר בוך „עסייען" אַ פּעכער פון טעמעס פון די ליטעראַטורן אין יידיש, עברית און פון דער וועלט-ליטעראַטור. און נאַטירלעך, אַז שרייבערינס ציִען באַזונדערש צו איר האַרץ און איר פען. און אויך וועגן אַזעלכע בינע-גדולים ווי שלמה מיכאָעלס, מאַקס ריינהאַרד און בנימין זוסקין לאָזט גיטע מייזיל הערן איר מיינונג און אָפּשאַץ. דאָס באַהאַנדלען דאָס שאַפן פון העברעישן פּראָזאַיקער ס. יזהר, דאָס אָפּשאַצן אַנדענק-אויסגאַבעס פאַר געפאַלענע אין די מלחמות פון ישׂראל און אַנדערע ביכער אין עברית קענען מיר באַטראַכטן ווי אַן אַזוי גערופענעם „קולטור-דינסט" ביים אַריבערוואַרפן בריקן צווישן דער העברעישער קולטור און די ייִדיש-לייענערס. פאַקטיש איז אָבער גיטל מייזילס פאַרדינסט טיפער — איר אָפּשאַצונג, גופא האָט אַ ליטעראַריש-קינסטלערישן באַטייט — ס'איז אַ סובטעלער, זייער איידעלער און קלוגער אַנאַליז פון אַ ליטעראַרישער שאַפונג.

גיטל מייזילס וועג אין דער ליטעראַטור-קריטיק און עסייאיסטיק איז דער וועג פון דיסקרעטן אינפאָרמירן, מאָלן און אָפּוועגן דעם ווערט פון אַ ווערק. זי איז קאַרג אין ווערטער און יעדער שטריך אירער איז פון פריער גוט באַטראַכט, גוט אָפּגעמאָסטן, איז מיט באַטייט אוןווירקעוודיקייט. מען פילט איר שטרעבן זיך צו דערגרונטעווען צום „סוד היצירה" פון מחבר, וועלכן זי באַהאַנדלט. און טאָן טוט זי עס שטענדיק דעליקאַט, זייער אָפּגעהיט, מיט אַ גוואַלדיקן יראת-הכּבֿוד צום שאַפער און זיין ווערק.

פון גרויסן באַטייט איז אויך גיטל מייזילס איבערזעצערישע טעטיקייט, אָנגעהויבן אין איר ערשטן שרייבערישן עטאַפּ אין וואַרשע, מיט די איבערזעצונגען פון די רוסישע קלאַסיקערס, וואָס מיר האָבן דערמאָנט, ביז צו די ווערק פון מאַקס בראָד, ס. יזהר, עמוס עוז און אַנדערע, וואָס זי האָט איבערגעזעצט פון דייטש און עברית פאַר „די גאָלדענע קייט" אין תל-אָביב.

אָפּמערקנדיק איר לאַנגיאָריקע שרייבערישע טעטיקייט און אָנערקענענדיק אירע פאַרדינסטן פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור-פאָרשונג און



ליטעראַטור-קריטיק, האָט די זשורי פונעם פאַראיין פון די ייִדישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישׂראל איינשטימיק באַשלאָסן צוצוטיילן גיטל מייזיל דעם רובינליכט-פּרייז פאַרן יאָר תשמ"ב.

## גיטל מייזיל

(ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיץ)

געבוירן אין יאָר 1898, אין קיִעוו, אוקראַיִנע. באַקומען ייִדישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע (1917) אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. מיטגעאַרבעט אין דער געזעלשאַפט „קאַמף קעגן אַנאַלפאַבעטיזם" — געלערנט הויז-דינערינס לייענען און שרייבן. 1922—1925 געלעבט אין וואַרשע. פאָרגעזעצט איר בילדונג אין אַ פראַנצייזישער שול פאַר ליטעראַטור. איבערגעזעצט קינדער־ליטעראַטור פון רוסיש און פּויליש. דערנאָך באַזוכט דייטשלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע. אין 1928 זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, ווו זי לעבט עד־היום.

די שרייבערישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין יאָר 1922 מיט אַן אַרטיקל וועגן פּאָעט אָשר שוואַרצמאַן אין דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג". געדרוקט לידער און קריטישע אַרטיקלען וועגן ביכער אין די וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער", „ביכער־וועלט", „היינט", „אַרבעטער־צייטונג" א"אַנד, ווי אויך אין די ישראלדיקע אויסגאַבעס פון נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה — „די גאָלדענע קייט", „ישׂראל-שטימע", „פאָלקסבלאַט", „פרייע ישׂראל" א"אַנד. איבערזעצונגען פון אירע עסייען און אַרטיקלען אויף טעמעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן פּובליקירט די ישׂראלדיקע פעריאָדישע אויסגאַבעס „דבר", „על המשמר", „למרחב" א"אַנד.

זיך געדרוקט אין די ניו־יאָרקער „דער האַמער", „ייִדישע קולטור", „איקוף־אַלמאַנאַך" א"אַנד. אין די פאַריזער „אַרבעטער־וואָרט", „די נייַע פרעסע", „פאַריזער שריפטן" אין בוענאָס-איירעסער „איקוף־בלעטער".

פון אירע איבערזעצונגען דערשינען אין בוכפאָרעם: פ. מ. דאָסטאָיעווסקי, פאַר יוגנט, וואַרשע, 1924; אי. באַבעל, די געשיכטע פון מיין טויבנשלאַק און אַנדערע דערציילונגען, וואַרשע, 1927; לעוו טאָלסטאָי, פאַר קינדער, וואַרשע, 1928; ג. ראַזאַנאָוו, דאָס טאָגבוך פון קאָסטיאַ ריאַבצעוו, ווילנע, 1930; וואַנדאַ וואַסילעווסקאַ, רעגן-בויגן, תל־אָביב, 1946; לאָרד ראַסעל אָוו ליווערפּול, די בייטש פון האַקנקרייץ, תל־אָביב, 1956. עטלעכע לידער אירע זענען אַריין אין ע. קאָרמאַנס אַנטאָלאָגיע ייִדישע דיכטערינס. ג. מייזיל האָט צונויפגעשטעלט דאָס בוך הילד בישׂראל, ת"א, 1945, וואָס נעמט אַריין שאַפונגען פון א"י־קינדער אין די שטעט און קיבוצים.

אין יאָר 1974 איז אין פרץ־פאַרלאַג, ת"א, דערשינען איר בוך „עסייען".

אין יאָר 1975 באַקומען דעם זשיטלאָווסקי־פּרייז פון „איקוף", ניו־יאָרק.

# הדסה קעסטין



פון צווישן דער פּלעיאַדע יונגע ייִדישע אַרטיסטן האָט הדסה קעסטין זיך אַרויסגעהויבן ווי איינע פון די בעסטע רעציטאַטאָרינס פון דער ייִדישער ליטעראַטור. איר אופן פון פאַרטראָגן איז אַ מאָדערנער און זייער סוגעסטיווער. איר אויפריכטיקער טאָן באַווירקט די אוידיטאָריע. דער צוהערער האָט דאָס געפיל, אַז ער דערזעט דעם שרײַבערס וועלט און זײַנע העלדן דורך הדסה קעסטינס רעציטאַציע-קונסט.

הדסה קעסטין באַנוצט זיך מיט אירע קינסטלערישע מעגלעכקייטן בײַם אַרויסברענגען דאָס וואָרט פונעם שרײַבער אין זײַן גאַנצן רעליעפקייט. זי פאַרמאָגט אַן אַבסאָלוט מוזיקאַליש געהער און אַ פּערפעקטע דיקציע. אירע סובטעלע באַוועגונגען זענען אין פולשטענדיקער האַרמאָניע מיטן אינהאַלט פונעם געלייענטן — שפּאָרעוודיק און נישט איבערגעטריבן. מיט יעדן קלאַנג כּישופט זי אַרויס אויף דער עסטראַדע די געשטאַלטן פון פאַרשיידנאַרטיקע שאַפונגען און כּלערליי זשאַנערן.

ווען הדסה קעסטין איז מיט צען יאָר צוריק באַקאַנט געוואָרן אין דער ייִדישער קולטורוועלט ווי אַ גלענצנדיקע רעציטאַטאָרין, האָט זי שוין געהאַט אַ סטאַזש אינעם קינסטלערישן טעאַטער מיט אויסגעפירטע וויכטיקע ראָלן אין קלאַסישן און מאָדערנעם רעפּערטואַר סײַ אין פּוילן — אין פּוילישן און ייִדישן טעאַטער, סײַ אין ישׂראל — אויף דער העברעיִשער און ייִדישער בינע.

גלײַכצײַטיק מיט איר אַרבעט אין טעאַטער האָט הדסה קעסטין תּמיד געפילט אַ באַזונדערן דראַנג צום פאַרטראָגן דאָס קינסטלערישע וואָרט. אירע פעיִקייטן אויף דעם געביט זענען שטאַרק אַנטוויקלט געוואָרן אין דער פּוילישער טעאַטער-שול, וווּ ס'איז געלייגט געוואָרן אַ ספּעציעל געוויכט אויף דער ריינקייט און מוזיקאַלישקייט פון דער שפּראַך, און דערפאַר טאַקע האָט זי באַוויזן צו אַנטוויקלען איר רעציטאַציע-קונסט צו אַ העכער מדרגה.

אין משך פון די לעצטע יאָרן איז הדסה קעסטין באַקאַנט געוואָרן סײַ אין ישׂראל, סײַ אין די ייִדישע ייִשובים איבער גאָר דער וועלט, ווי אַ הויך קוואַליפיצירטע פאַרטראָגערין פון ייִדישן קינסטלערישן וואָרט. אויף אירע אָפטע טורנעען איבער די שטעט פון אייראָפּע און אַמעריקע ווערט זי באַגעגנט מיט ליבשאַפט און באַגײַסטערונג דורך די טויזנטער צוהערערס. הדסה קעסטין טרעפט מיט איר וואָרט סײַ צום פּשוטן פאָלקסמענטש און סײַ צום ראַפינירטן צוהערער. זי אַנטפּלעקט פאַר די יונגע צוהערערס די שיינקייט פון דער ייִדישער ליטעראַטור.



הדסה קעסטין רעציטירט ייִדישע ווערק פון פאַרשיידענע זשאַנערן און סטילן אויף דער בינע און אין ראַדיאָ. זי אַנטפּלעקט די גבורה און שיינקייט פון ייִדישן ליד און פון דער ייִדישער פּראָזע מיט אירע אינדיווידועלע רעציטאַטאָרישע מיטלען.

צוליב אירע גרויסע פאַרדינסטן בײַם פּאָפּולאַריזירן דאָס ייִדישע ליטעראַרישע וואָרט, האָט די זשורי פונעם פאַראיין פון יודישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישׂראל איינשטימיק באַשלאָסן איר צוצוטיילן דעם רובינליכט־פּרײַז פאַרן יאָר תשמ״ב.

## הדסה קעסטין

(ביאָגראַפישע נאָטיץ)

הדסה קעסטין איז געבוירן אין פּוילן. די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זי פאַרבראַכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד צוזאַמען מיט אירע עלטערן — חוה סלוצקי-קעסטין און חיים קעסטין.

נאָך דער מלחמה איז די משפּחה צוריקגעקומען קיין פּוילן. אין 1952 האָט הדסה געענדיקט מיט אויסצייכענונג די פּוילישע טעאַטער-אַקאַדעמיע, וווּ זי האָט געלערנט טעאַטער־קונסט בײַ אַזעלכע מײַסטערס פונעם פּוילישן טעאַטער ווי שילער און זעלווערראָוויטש. נאָכן ענדיקן ווערט זי אַנגאַזשירט אין פּוילישן קאַמער־טעאַטער, אָנגעפירט פון ערווין אַקסער. זי שפּילט דאָ אין קלאַסישע און מאָדערנע פּיעסעס. אין די יאָרן 1954-1956 שפּילט זי אין וואַרשעווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער א״נ פון א. ר. קאַמינסקאַ. פירט דאָ אויס מיט דערפאָלג די גאָר וויכטיקע ראָלן פון רות אין „די געלע לאַטע״, פון ביילקען אין „טוביה דער מילכיקער״ א״אַנד.

אין 1956 האָט הדסה קעסטין עולה געווען קיין ישׂראל צוזאַמען מיט איר מאַן, דעם דיכטער בינם העלער, און מיט זייער טאָכטער דינה. זי איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין טעאַטער „אהל״ און אין 1958 אָנגעהויבן שפּילן ייִדיש טעאַטער אין ישׂראל. אויפגעטראָטן מיט מאָריס שוואַרץ, יוסף בולאָוו. צוזאַמען מיט זיגמונט טורקאָוו געשפּילט אינעם העברעיִשן טעאַטער „זוטא״.

פון אירע פריסטע יאָרן האָט הדסה קעסטין זיך פאַרנומען מיטן פאָרלייענען ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אין 1969 אָנגעהויבן אויפטרעטן מיט זעלבשטענדיקע רעציטאַציע־פּראָגראַמען. צו ערשט מיט אַ וואָרטקאָנצערט פון איציק מאַנגערס לידער און באַלאַדן. באַזוכט מיט דעם פּראָגראַם פאַרשיידענע שטעט אין לאַנד און אין קיבוצים.

מיט אירע פּראָגראַמען, אין וועלכע עס גייען אַרײַן פּאָעזיע־ און פּראָזע־ווערק פון דער קלאַסישער און מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, איז זי אויפגעטראָטן אין די גרעסטע ייִדישע וועלטצענטערס פון אייראָפּע און אַמעריקע.

# לייבל קופּערשמיד



לייבל קופּערשמידס פּאָעזיע, אַן אַנגעגליטע מיט אַ טיף געפֿיל און אָריגינעל אין אויסדרוק, זעט פֿאַר זיך דעם מענטש — זײַנע ראַנגלענישן און טראַגישע צעריסנקייט. זי זעט אָבער אויך דעם עקשנותדיקן געראַנגל פֿונעם מענטש פֿאַר דאָס שיינע און דערהויבענע, זײַן שטרעבן צו אויסלייז. און אַזאַ איז דאָך די אייביקע פּאָעזיע, וואָס אין איר צענטער שטייט דער מענטש אַנטקעגן גאָט און גורל.

דער מענטש אין קופּערשמידס שאַפֿן איז דער ייִד אינעם תחום פֿון ייִדישן לעבן, וואָס איז גרויליק פֿאַרטיליקט געוואָרן דורך דער נאַצישער חיה-רעה. אין אַ סך פֿון זײַנע לידער, בעיקר אין זײַן בוך „מיט אָפּגעבערנטע פֿינגער”, אַנטפּלעקט זיך לייבל קופּערשמיד ווי אַ מקונן פֿון דער ייִדישער פֿאָלקס-טראַגעדיע בעתן לעצטן חורבן. דאָס זענען קלאָגלידער און עלעגיעס איבערן פֿאַרשניטענעם ייִדישן לעבן אין פּוילן. באַזונדערש באַוויינט ער דעם גורל פֿון ייִדישן קינד, אויף וועלכן די נאַציס האָבן זיך ווילד-גזלניש געוואָרפֿן. ער באַקלאָגט די סאַמע שוואַכסטע, וואָס האָבן נאָך ניט באַוויזן טועם צו זײַן פֿון לעבן. און אַזוי ווי אונדזערע קדושים זענען אויף אייביק אַנטשוויגן געוואָרן, קומט דער פּאָעט ווי זייער אַ גואל און הייבט אַרויס ממעמקים דאָס קול פֿון די אַנטשוויגענע.

אויך די נאַטור, דער פּייזאַזש זענען אין קופּערשמידס פּאָעזיע ייִדישע — ס׳איז די מיליע פֿונעם ייִדישן קליינעם שטעטל אין פּוילן פֿון פֿאַרן חורבן, ווי דער פּאָעט האָט זי געזען — אַ ראָמאַנטישע, פֿולע מיט קדושה אויך אין דער וואָכן, באַהויכט מיט מיסטיציזם און דורכויס אין ייִדישער טראַדיציע מיט אירע ספּעציפֿישע אַטריבוטן.

אויך אַ סימבאָלישן, אוניווערסאַל-מענטשלעכן לבוש טוט קופּערשמיד אָן זײַנע זעונגען און מחשבות אין די דראַמאַטישע פּאָעמעס „פֿאַררונדיקטע לעגענדע”, „גאַז און ווײַרעך”. און אומעטום — אַן אָריגינעל פּאָעטיש לשון, אָנגעפּיקעוועט מיט מעטאַפֿאָרן. עס געוועלטיקט דאָ ברויזנדיקע ספּאָנטאַנישקייט, טראַגישע התלהבות און אויך לויטערע תּמימות פֿון אַ צעווייטיקט געמיט, וואָס געפֿינט ניט קיין טרייסט אין דער קאָנקרעטער וואָר.

לייבל קופּערשמיד האָט פּובליקירט ביז איצט נײַן קלענערע און גרעסערע פּאָעזיע-זאַמלונגען. און אויך אַ בוך אין פּראָזע — „קונטרס ביאַלע-פּשוט”, אַן עלעגיע אויף זײַן חרובֿ היימשטעטל. לכאורה איז עס אַ יזכור-בוך. ווי ווײַט איז עס אָבער פֿון די טראַפֿאַרעטע ביכער פֿון אָט דעם מין. די דאָזיקע ניט גרויסע אויסגאַבע האָט אַ גרויסן ליטעראַרישן ווערט. ס׳איז געשריבן מיט אַ הייסן אָטעם פֿון אַ פּאָעט, וואָס האָט



פּלאַסטיש אויפֿגעלעבט די סביבה, אירע מענטשן און זייער שטייגער. דאָס שילדערן דעם אומקום פֿון דער מיקרא-וועלט פֿון אַ קליין ייִדיש שטעטל אין פּוילן, אַרײַנברענגענדיק אָפּט רעטראָספּעקציעס וועגן איר עבֿר, שאַפֿט אַ פֿאַראַלגעמיינערט בילד פֿון לעבן און אומקום פֿון הונדערטער אַזעלכע ייִדישע ייִשובֿים אין מיזרח-אייראָפּע ערבֿ און בעת דער חורבן-תּקופֿה.

לייבל קופּערשמידס שאַפֿן האָט זיך ניט דורכגעבראָכן קיין ברייטן וועג צום מאַסן-לייענער. זײַנע פֿען-קאָלעגן און ליטעראַטור-מבֿינים זענען זיך אָבער אייניק אין דער מיינונג, אַז זײַן פּאָעזיע איז פֿון אַן עכטער און הויכער פּראָבע.

אָפּשאַצנדיק דאָס אַלץ האָט די זשורי פֿונעם פֿאַראיין פֿון די ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישׂראל איינשטימיק באַשלאָסן צוצוטיילן לייבל קופּערשמיד דעם רובינליכט-פּרײַז פֿאַרן יאָר תּשמ״ב.

## לייבל קופּערשמיד

(ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע נאָטיץ)

לייבל קופּערשמיד איז געבוירן אין ביאַלע־ראַוווסקע, פּוילן, אין יאָר 1910. געלערנט אין חדר און אין גערער שטיבל. פֿון 1923 — עטלעכע יאָר אין לאָדזש, וווּ געאַרבעט אין אַ בעקערײַ. דערנאָך אומגעקערט זיך אין זײַן היימשטעטל און זיך אויסגעלערנט סטאָלערײַ. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין דער טיף פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, וווּ געאַרבעט אין אַ קוילן־גרובן.

אין יאָר 1947 זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן, אין לאָדזש, און זינט 1957 — אין ישׂראל, וווּ געאַרבעט בײַ זײַן פֿאַך.

אָנגעהויבן פּובליקירן זײַנע שאַפֿונגען אין מיטן די דרײַסיקער יאָרן. נאָך דער מלחמה געדרוקט לידער אין ייִדישע שריפֿטן (לאָדזש), דאָס נײַע לעבן (לאָדזש—וואַרשע), גאָלדענע קייט, לעצטע נײַעס, בײַ זיך (תּל־אָבֿיבֿ), אונדזער וואָרט (פּאַריז). פֿאַרטראָטן אין אַלמאַנאַך פֿון די ייִדישע שרײַבער אין ישׂראל (ת״א 1967), אין דער קאָנאָפּהייס־ראַזשאַנסקי אַנטאָלאָגיע ווידערשטאַנד און אויפֿשטאַנד (בוענאָס־אײַרעס 1970).

אין בוכפֿאָרעם: ציטער־פֿלעמלעך, לידער, לאָדזש 1937; דער שניי־מענטש, קינדערשפּיל, לאָדזש 1939; פֿלעמלעך אין דער נאַכט, לידער, וואַרשע 1949; טויבן איבער דענקמעלער, לידער, וואַרשע 1953; אלי, אלי, דראַמע, תּל־אָבֿיבֿ 1960; פֿאַררונדיקטע לעגענדע, דראַמאַטישע פּאָעמע, תּל־אָבֿיבֿ 1966; מיט אָפּגעבערנטע פֿינגער, לידער, תּל־אָבֿיבֿ 1975; קונטרס ביאַלע־פּשוט, זכרונות, תּל־אָבֿיבֿ 1976; פּסחדיקע כּוסהלעך, לידער און פּאָעמעס, תּל־אָבֿיבֿ 1978; גאַז און ווײַרויך, שײַלאָק און דזשעסיקע, דראַמאַטישע פּאָעמע, תּל־אָבֿיבֿ 1979.

געוועזן מיטרעדאַקטאָר פֿון ליטעראַרישן זשורנאַל פֿונקען (1967).

לעבט אין חולון, ישׂראל.

פאַראיין פון יידישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישׂראל
אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישׂראל

# ליטעראַטור־פּרײַז א״נ פון חנה און לייב רובינליכט

## זיבעטע פארטיילונג



די זשורי:

הירש אָשעראָוויטש

שלמה וואָרזאָגער

מרדכי צאַנין

די פרעמירטע:

**ישׂראל אַלטערמאַן**

**גבריאל ווייסמאַן**

**זאַמי פעדער**

**דוד שטאָקפיש**

**1986** 1טער דעצעמבער — כ״ט חשון **תשמ״ז**

## ישראל אַלטערמאַן

געבוירן געוואָרן אין גריצע, געלערנט אין וואַר־שע אין פּיאַסעטשנער רבינס ישיבה „דעת משה". פון דער ישיבה און זיין היים האט ער זיך פאַר־[illegible] חסידיש־ביתמדרשדיקע אידיאָמען און יידישע [illegible] און אט דעם שפּראַכן־אוצר ברענגט ער אַריין אין זיינע שריפטן. ער איז דער מחבר פון [illegible] ביכער נאָוועלן און דערציילונגען: „היימ־[illegible] אין דייטשלאַנד" (1959 — צוויי אויפ־[illegible]), „[illegible]" (1962) און „קיין מאל נישט [illegible]" ([illegible]). ישראל אַלטערמאַן האט [illegible] אין באַאַרבעט גבית־עדות, זכרונות און [illegible] אין די ביכער „מגילת גריצע" (1955) און „[illegible]" (1972). א בוך אָפּגע־[illegible] דערציילונגען זיינע — „ליקוי חמה" — [illegible] אין העברעיש.

## גבריאל ווייסמאַן

געבוירן אין 190[illegible] אין ראַדאָם, פּוילן. געלערנט אין חדר, שפּעטער געלערנט עקסטערן: מוזיק ביים פּראָפ׳ [illegible] גיסער און מאַלעריי ביי פעליקס פרידמאַן אין וואַרשע.

ביי 17 יאָר אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען און לידער. דער עיקר — געווען פאַרכאַפּט פון פאָלק־לאָר. געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטער פון „ייוואָ" אין ווילנע. באַטייליקט זיך אין די „פּוילאַ־לאַגישע שריפטן", אין „יידיש פאַר אַלע" און אין די „ייוואָ־בלעטער". געווען אין ראַדאָם ראַטמאַן אין מאַגיסטראַט און פּרנס אין דער יידישער קהי־לה, אין גאַנצן פון לינקע פּועלי־ציון. מיטגעאַרבעט אין „ראַדאָם־קעלצער לעבן", געגרינדעט די זשור־נאַלן: „נייע ווינטן", „ליטעראַרישע גרופּע", „ראַ־דאָם". געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „מאָ־מענט" און אין קינדער־זשורנאַל „גרינינקעביימע־לעך", „חבר׳ל" אין ווילנע.

פאַרעפנטלעכט: „גוזמאַדיקע מעשהלעך", „וועגן „מזל און שלימזל", „קינדער־מעשהלעך", „ראַדאָ־מער פאָלקלאָר", „דאָס טעלערל פון הימל". אין לאַנד: „פּעז־פּראַפּילן" און „ישראל־קינסטלער", 2 געזאַנג־בלאַטן אין אַמעריקע. זיינע קינדער־מעשה־לעך איבערגעזעצט אויף עברית, פּויליש, רוסיש, פראַנצויזיש, ענגליש, שפּאַניש און עספּעראַנטאָ. באַ־קומען פּרייזן פון דער קהילה אין ראַדאָם, פון לוצקער קהילה אין באַלטימאָר, גאַנאַפּאָלסקי (פּאַ־ריז), ראַדאָמער אָרגאַניזאַציע (אין פּאַריז), „בני ראַדאָם" (מאָנטרעאַל). אין לאַנד געווען ליטעראַ־רישער רעדאַקטאָר פון „לעבנס־פראַגן". מיטגעאַר־בעט אין „ישראל־שטימע", „פריי ישראל" און „לעצטע נייעס" (אין די ערשטע יאָרן). געווען מיט־רעדאַקטאָר פון ערשטן נומער „יונג־ישראל". רע־דאַקטירט אַ צאָל ביכער פון יידישע שרייבער. אויך יזכור־ביכער. אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד מיט רע־פעראַטן וועגן ליטעראַטור, קונסט און פאָלקלאָר.

## זאַמי פעדער

דער מחבר פון „דורך 12 גיהנום־פייערן" איז פאַר זיך אַליין אַ רייך קאַפּיטל יידישע קולטור־געשיכטע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך אין דייטש־לאַנד, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ממשיך געווען אין פּוילן נאָך דער מלחמה ווי אַ רעזשיסער. ער האָט זיין קולטור־אַרבעט נישט אָפּגעשטעלט אַפילו אין קאַצעט, ווו ביי די שווערסטע באַדינגונגען האָט ער סטימולירט קאַצעטלער זיי זאָלן זיך דער־מאָנען טעקסטן און ניגונים פון יידישע פאָלקסלידער און ער האָט זיי פאַרשריבן. אין 1946 האָט ער אין בערגען־בעלזען אַרויסגעגעבן אַ „זאַמלונג פון קאַ־צעט־ און געטאָ־לידער". אין בערגען־בעלזען האָט ער אָרגאַניזירט אַ טעאַטער, וואָס איז געוואָרן אַ שם דבר מיט זיין רייכן רעפּערטואַר. אַזוי איז ער ביזן היינטיקן טאָג שעפעריש אויף פאַרשיידענע קול־טור־געביטן.

## דוד שטאָקפיש

אַ געבוירענער אין לובלין. שרייבעריש אַקטיוו זייט דעם יאָר 1931, ווען ער האָט דעביוטירט מיט דער אויסגאַבע „דער וועג פון דער יידישער אַר־בעטער־יוגנט". נאָך דער מלחמה — רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער־צייטונג" אין פּוילן. היינט — רע־דאַקטאָר פון דער גוט־רעדאַגירטער „ישראל־שטי־מע", באַטייליקט זיך אויך אין „פאָלק און ציון" און „על המשמר". מחבר פון דעם ווערטפולן בוך „אין גאַנג פון געשעענישן". רעדאַגירט אויך די צייט־שריפטן „אויף דער וואַך", „קול לובלין", „קול נכי מלחמה", „מעזריטשער טריבונע" און „הד הארגון". במשך די יאָרן האָט דוד שטאָקפיש באַרייכערט די חורבן־ליטעראַטור און אויך פאַראייביקט דעם שטיי־גער פון אונדזערע חרוב־געוואָרענע וועלט אין מזרח־אייראָפּע: ער האָט רעדאַגירט יזכור־ביכער פון צוואַנציק חרוב־געוואָרענע קהילות.



חנה רובינליכט ז״ל



לייב רובינליכט

## קדיש / לייב רובינליכט

איך וויל אַ קדיש זאָגן דיר,
נאָר איך קען נישט, טאַטע מיין,
כאָטש איך ווייס — געחלומט האָסטו —
איך וועל דיין קדיש־זאָגער זיין.

ווי קען איך זאָגן „יתגדל"
אַז ער האָט זיין זיין נאָמען אַליין
דערנידעריקט און פאַרשוואַכט?

ווו איז געווען זיין גדלות,
ווען מען האָט זיין עם ישראל
אין טרעבלינקע אומגעבראַכט?

ווי קען איך זאָגן „יתקדש"
אַז ווען מען האָט זיינע
הייליקייטן פאַרשפּיגן,
האָבן די הימלען נישט געדונערט
נאָר גאָר געשיינט און ער, ער
האָט געקוקט און האָט געשוויגן?

טאָ זיי מיר מוחל, טאַטע מיין,
אַז איך זאָג קיין קדיש מער.
זאָל אַ קדיש פאַר דיר זיין
מיין ווייטאָג און מיין טרער.

(פונעם בוך: לידער. תל־אביב, תשל״ג — 1973)

## לאַורעאַטן פונעם חנה און לייב רובינליכט פרייז
## 1983 — 1978

**1טע פאַרטיילונג : 1978**

אליעזר אַלעי ז״ל

רחל בוימוואַל

אליעזר פּאַדריאַטשיק

שמעון קאַנץ

**2טע פאַרטיילונג : 1979**

לייב מאַרגענטוי ז״ל

זיאַמע טעלעסין

רבקה קוויאַטקאָווסקאַ־פּנחסיק

אפרים שרייער

**3טע פאַרטיילונג : 1980**

קלמן סגל ז״ל

אסיא גאי

יחיאל גראַנאַטשטיין

הערץ גראָסבאַרד

**4טע פאַרטיילונג : 1981**

גיטל מייזיל ז״ל

לייב קופערשמיד

הדסה קעסטין

**5טע פאַרטיילונג : 1982**

שמואל טאַפּ

ברוך קראַשניץ

מיכאל בן־אברהם

**6טע פאַרטיילונג : 1983**

יונה בערקמאַן

שמחה פּאַליאַקעוויטש

לוי פּאַפּיערניקאָוו ז״ל

סאַניע שעפּטעל־שטערנפעלד

**פאַרטרויאונג־ראַט פונעם פרייז :**

הירש אַשעראָוויטש, יצחק בראַט, אַברהם סוצקעווער, משה עינת — עו״ד, מרדכי צאַנין, אַברהם קאַרפּינאָוויטש.



פאַראײן פון ײִדישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל
אגודת סופרי ועתונאי יִדיש בישׂראל

# ליטעראַטור־פּרײַז
# א״נ פון חנה און לייב רובינליכט

## 8טע פאַרטיילונג

די זשורי:
רבקה באַסמאַן
ישׂראל איסערליס
אפרים שרייער

די פרעמירטע:
יוסף קערלער
פנחס ערליך
ברוך אורן

פאָרזיצער: שלמה וואָרזאָגער

**1988** ד־טער מערץ — י״ח אדר תשמ״ח **תשמ׳ח**

## יוסף קערלער

גע‌בוירן אין יאָר 1918 אין אוקראַינע. אַבסאָלווענט פון אַ ייִדישער מיטלשול און פון דער טעאַטער־סטודיע בײַם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער. מחבר פון אַכט ביכער פּאָעזיע און פּראָזע; דרײַ ביכער אַרויסגעגעבן אין ראַטנפאַרבאַנד און פינף אין ישׂראל. רעדאַקטאָר פון דעם ירושלימער אַלמאַנאַך. דרוקט זײַנע שאַפונגען אין ״די גאָלדענע קייט״ און אין אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן אין ישׂראל. באַלוינט מיט דעם מאַנגער־פּרײַז און אַנדערע ליטעראַטור־פּרײַזן פאַר ייִדישער שאַפונג.

## פנחס ערליך

גע‌בוירן אין יאָר 1917 אין פּוילן. אין 1939 עמיגרירט קיין אַרגענטינע. פּעדאַגאָג מיט אַקאַדעמישער בילדונג. מיטגעאַרבעט אין דער פּרעסע אין ייִדיש אין אַרגענטינע. ליטעראַטור־ און קונסט־קריטיקער מיט אַ טיפן חוש פאַר אַנאַליז און עסטעטיק. מחבר פון איבער צוואַנציק בראָשורן אויף דער טעמע פּעדאַגאָגיק און דערציאונג. שרײַבט אין ייִדיש, שפּאַניש, העברעיִש און פּויליש. טעטיק ווי אַן אינספּעקטאָר איבער ייִדיש־אינטעררי‌כט.

## ברוך אורן

גע‌בוירן אין 1916 אין פּוילן. געלערנט אין אַ חדר, ישיבה און אין לערער־סעמינאַר ״תרבות״. עולה געווען אין יאָר 1941 פון ליטע דורך דעם ראַטנפאַרבאַנד, יאַפּאַן און אינדיע. אין ארץ־ישׂראל געווען לערער פון דעם יאָר 1941 ביז דעם יאָר 1953. דירעקטאָר פון ״יד לבנים״. מחבר פון קינדער־דערציילונגען אויף די טעמעס: הגנה, מלחמת השיחרור א״א. פאַר זײַן טעטיקייט באַלוינט געוואָרן מיט דעם ״פּרס ישׂראל״ פאַרן יאָר 1980.

# יוסף קערלער

## מאַמע-לשון

מיין מוטערלעכע שפּראַך,
מיין ייִדיש מאַמע-לשון,
דיין פּלעמעלע, מיר דאַכט,
אַט ווערט עס אויסגעלאָשן . . .
אַט האָט מען פראַנק-און-פריי
דיין שריפט אויף בליי צעגאָסן,
דערנאָכדעם מיטן בליי —
די דיכטער אויסגעשאָסן.

אַט האָט מען שטיל, אָן רעש,
פאַרברענט שוין דיינע ספרים
און ס'האָבן זייער אַש
די ווינטן שוין באַוואָרנט.

נאָר ס'פּיקט זיך אויף דער צונג
דאָס לשון דאָס פאַרווערטע,
ס'טוט ממזריש אַ ווונק
פון ערגעץ ווו אַ ווערטל.

ס'טוט פּלוצעם, ווי אַ בליץ
פון צווישן שווערע כמאַרעס,
אַ שניידנדיקער וויץ
אויף המנען, אויף פּרעהן,

אַ ניגון טוט אַ נעם,
אַ צופּ פאַר דער נשמה
און ס'פּלייצן פון דער פרעמד,
פון אַלע זייטן שטראָמען —

סיי לעבעדיק, סיי טויט,
סיי יונגע און סיי אַלטע, —

ניטאָ נאָך יענע נויט,
וואָס קאָן דעם גאַנג פאַרהאַלטן.

די מיילער — טרוקן-בראַנד,
ווי צו אַ קוואַל זיי קומען:
אַ ייד און אַ מאַראַן,
אַ גר און אַ משומד.

מע קומט אַהין ווו ס'רופט,
מיט אויפרייס אָנגעלאָדן,
דאָס הייסע וואָרט, אין לופט
אַיִן פרישער אויסגעבאָדן.

און ס'קלינגט און זינגט און לאַכט
דער גאַנצער וועלט אויף חידוש,
מיין יאָדערדיקע שפּראַך,
מיין מאַמע-לשון ייִדיש.

מאָסקווע, 1961



חנה רובינליכט ז״ל



לייב רובינליכט ז״ל

לייב רובינליכט

## ווו, ווען און ווי אַזוי?

ווו געפינט מען אַזאַ בית־הקברות,
אַז איך זאָל קענען קומען אויף קבר־אָבות,
מאַכן אַן אל־מלא־רחמים אייך אומגעבראַכטע,
זאָגן אַ קדיש אייך געשענדטע און פאַרשוואַכטע,
אַ תפילה אויסוויינען און אויך אַ טרער,
נאָך אייך קדושים, וואָס זענט מיט אונדז נישט מער?

ווען זאָל איך צינדן יאָרצייט־ליכט,
אַז יאָרצייט כ׳האָב אַ רונדיק יאָר?
די — אין זומער הינגעריכט,
די — פאַרברענט אין ווינטער גאָר
אַנדערע אין פּיין און פּלאָג
פאַרטיליקט אין אַ פרילינגטאָג.

ווי אַזוי דעם יאָרצייט ערן?
צו ווייניק ליכט, צו ווייניק טרערן.
פון אַלע הימלען אַלע שטערן
וועלן נאָך אייך ליכטלעך ווערן —
יאָרצייט־ליכטלעך נאָך קהילות,
אָן קברים, יאָרצייטן און תפילות.

(פונעם בוך: לידער. תל־אביב, תשל״ג — 1973)

## לייב רובינליכט און זײַן ליד

בײַ רובינליכטן איז דיכטונג — גאָט. ער געהערט צום דור אידעאַ־ליסטן, גלייביקע מענטשן. מוז עס נישט זײַן דווקא דער מאָנאָטעיִסטי־שער גאָט.

ס׳קאָן אויך זײַן נאַציאָנאַל־סאָציאַל־באַפרײַערישע אידעע. ער האָט פאַר דער אידעע אָפּגעגעבן לעבן און נשמה. פאַר אַ דיכטער מיינט לעבן — שאַפן.

יאָרן נע ונד. סיביר. „פײַערדיקע״ טעג און נעכט. אויסגערייכערטע חלומות. אַש פון אידעען.

ל. רובינליכט איז, קאָן מען זאָגן, אַ לעבן לאַנג געגאַנגען אין אידעען־וואַלד אויף אַן אויסגעטראָטן סטעזשקעלע — די סטעזשקע פון אַ דור — זײַן דור, וואָס האָט אים געפירט צו אַ ליכטיקן האָריזאָנט.

★

ווי אין לעבן, אַזוי אין שאַפן, איז רובינליכט אַ שטילגייער. ער סימבאָליזירט נישט זײַנע ווערטער־בילדער. ער וויקלט נישט זײַנע שטילע ווערטער אין קאָליריקע פּאַפּירלעך — אויסערלעכע שיינקייט. אויך פילגאָרנדיקע, געדרייטע טרעפּ פון וואָרטקונסט זענען אים פרעמד. פרעמד איז אים דער ביודעין פאַרנעפּלטער אימאַזש, וואָס פאַרשטעלט נישט איין מאָל דאָס בילד. ער איז נישט מאָדערן. און אויב יאָ — איז ער עס מיטן אויפלעבן אין זײַן פירסטראָפיקן ליד, מיט זײַן פשוטן מוזיקאָלישן גראַם און זײַן קלאָרקייט, דעם אַלטן, תמיד־נײַעם נוסח און פאָרעם פון אברהם רייזען, מאַני לייב.




זיי האָבן געזונגען פון און צום אַרבעטער, אָרעמאַן, פאַלקסמענטש. אמת, די אַ אַלע זענען שוין נישטאָ. אָבער דער ניגון איז געבליבן. ער איז אין זכרון פון די אומגעקומענע, וואָס לעבט אייביק. — ער איז אין די הערצער פון די לעבן־געבליבענע וואָס קאָנען נישט און ווילן נישט פאַרגעסן. דער ניגון לאָזט נישט אָפּ אויך ביַי די שבתדיקע טישן און ביַים ברויט און זאַלץ אויף די וואָכעדיקע טישן.

ווי קאָן אַזאַ דיכטער ווי רובינליכט — אַלט אין צער און וויי, יונג אין גלויבן — אָט דעם ניגון נישט אויפכאַפּן אין זיַין ליד? דאָס פּשוטע ליד, קליין ווי אַ טרער: די טרער, וואָס איז אַזאַ אָפטער גאַסט אין ייִדישן לעבן, גייט מיט מיטן ייִד וווּ ער זאָל זיך נישט געפינען. די ייִדישע טרער — געמישט מיט פרייד.

איז דאָס די גבורה פון געהעמטקייט, לייב רובינליכטס קאָנען גובר זיַין דאָס געשריי, דעם אינערלעכן ווייטיק — מיט אַ שטילקייט וואָס רייסט אויף פון אינעווייניק.

אָט דאָס פּשוטע, פאָעטישע אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ געפינט אַ סך הערצער אָנגעווייטיקטע, וואָס עפענען זיך ווי אַ מימאָזע מיטן ערשטן באַריר פון אַ זונענשטראַל.

אין בוך „אַ שמועס מיטן האַרץ" מערקט זיך אויך דעם דיכטערס נטיה צו משל, אַגדה און לייַכט־פילאָסאָפישער מעדיטאַציע. „דער סקאָר־פיאָן און די זשאַבע", „דער אומגליקלעכער", „דער בער און דער מיסיאָ־נער", „דער הונט און די טויב", „גמילת־חסדים" און אַנדערע. אויך דאָ געפינט מען אָן אָנשפּאַר, ענלעכקייט, השפעה פון די גרויסע משלים־מיַיסטערס: עזאָפּ, לאַפאָנטען, קרילאָוו און בעיקר — פון ייִדישן ערשט־און אייניציק־מאַליקן — אליעזר שטיינבאַרג. ענלעכקייט און בריהשקייט אין דער פּוענטע, טעמע, שפּראַכשיינקייט און הומאָר. אַ ליכטיקער הומאָר שיַינט אַרויס פון די שורות און פון דעם כאַראַקטעריסטיש־ייִדישן, טרוי־עריק־באַחנטן שמייכעלע. זענען אוודאי אָט די לידער און משלים אַ צוזאָג, אַז דאָס דריטע בוך, וואָס מיר דערוואַרטן, וועט דעם דיכטער אַ הייב טאָן העכער און העכער.

(פונעם עסיי פון שלמה וואַרזאַגער)

## לאַורעאַטן פונעם חנה און לייב רובינליכט פּרייז
## 1986 — 1978

**1טע פּאַרטיילונג: 1978**

אליעזר אַלעי ז״ל

רחל בוימוואַל

אליעזר פּאַדריאַטשיק

שמעון קאַנץ

**2טע פּאַרטיילונג: 1979**

לייב מאַרגענטוי ז״ל

זיאַמע טעלעסין

רבקה קוויאַטקאָווסקאַ־פּנחסיק

אפרים שרייער

**3טע פּאַרטיילונג: 1980**

קלמן סגל ז״ל

אסיא גאי

יחיאל גראַנאַטשטיין

הערץ גראָסבאַרד

**4טע פּאַרטיילונג: 1981**

גיטל מייזיל ז״ל

לייב קופּערשמיד

הדסה קעסטין

**5טע פּאַרטיילונג: 1982**

שמואל טאַפּ

ברוך קראַשניץ

מיכאל בן־אברהם

**6טע פּאַרטיילונג: 1983**

יונה בערקמאַן

שמחה פּאַליאַקעוויטש

לוי פּאַפּיערניקאָוו ז״ל

סאָניע שעפּטעל־שטערנפעלד

**7טע פּאַרטיילונג: 1986**

ישראל אַלטערמאַן
גבריאל ווייסמאַן
זאַמי פעדער
דוד שטאָקפיש

**פּאַרטרויאונג־ראַט פונעם פּרייז:**

הירש אַשעראָוויטש, יצחק בראַט, אַברהם סוצקעווער, משה עינת — עו״ד, מרדכי צאַנין, אַברהם קאַרפּינאָוויטש.



פאַראיין פון יידישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל
אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישׂראל

# ליטעראַטור־פּרײַז

## א"נ פון חנה און לייב רובינליכט

## 10טע פאַרטיילונג

די פרעמירטע:

צבי אײַזנמאַן  יוסף גאָלדקאָרן

מיטן אָנטייל פון:

ש. וואָרזאָגער  הדסה קעסטין  א. קאַרפּינאָוויטש

אין קינסטלערישן טייל:

אינאַ טאָפּער * י. קאַץ

**פאַראיין פון יידישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן**
**אין ישראל**

תל־אביב, רחוב דב הוז 25.

## ליטעראַטור־פּרײַז א״נ פון חנה און לייב רובינליכט

אין דעם פרײַז איז פאַראַן שיינקייט און אויסדרוק פון יידיש־יידישער פילבאַרקייט צו דעם גורל פון דעם יידישן שרייבער ווי צו דער יידישער ליטעראַטור בכלל. מיר פייערן דערום די צוטיילונג פונעם פרײַז אויפן נאָמען פון חנה און לייב רובינליכט מיט אמתער שמחה.

**פאַרטרויאונג־ראַט פונעם פרײַז:**

הירש אָשעראָוויטש, יצחק בראַט, אַברהם סוצקעווער, משה עינת — עו״ד, מרדכי צאַנין, אַברהם קאַרפּינאָוויטש.



חנה און לייב רובינליכט ז״ל

## ווּ, ווען און ווי אַזוי?

ווּ געפינט מען אַזאַ בית־הקברות,
אַז איך זאָל קענען קומען אויף קבר־אָבות,
מאַכן אַן אל־מלא־רחמים אייך אומגעבראַכטע,
זאָגן אַ קדיש אייך געשענדטע און פאַרשוואַכטע,
אַ תּפילה אויסוויינען און אויך אַ טרער,
נאָך אייך קדושים, וואָס זענט מיט אונדז נישט מער?

ווען זאָל איך צינדן יאָרצייט־ליכט,
אַז יאָרצייט כ׳האָב אַ רונדיק יאָר?
די — אין זומער הינגעריכט,
די — פאַרברענט אין ווינטער גאָר
אַנדערע אין פּיין און פּלאָג
פאַרטיליקט אין אַ פרילינגטאָג.

ווי אַזוי דעם יאָרצייט ערן?
צו ווייניק ליכט, צו ווייניק טרערן.
פון אַלע הימלען אַלע שטערן
וועלן נאָך אייך ליכטלעך ווערן —
יאָרצייט־ליכטלעך נאָך קהילות,
אָן קברים, יאָרצייטן און תּפילות.

(פונעם בוך: לידער. תל־אביב, תשל״ג — 1973)

# לייב רובינליכט און זײַן ליד

בײַ רובינליכטן איז דיכטונג — גאָט. ער געהערט צום דור אידעאַ־ליסטן, גלייביקע מענטשן. מוז עס נישט זײַן דווקא דער מאָנאָטעיִסטישער גאָט.

ס׳קאָן אויך זײַן נאַציאָנאַל־סאָציאַל־באַפרײַערישע אידעע. ער האָט פאַר דער אידעע אָפּגעגעבן לעבן און נשמה. פאַר אַ דיכטער מיינט לעבן — שאַפן.

יאָרן בע וגד. סיביר. „פֿײַערדיקע" טעג און נעכט. אויסגערייכערטע חלומות. אַש פון אידעען.

ל. רובינליכט איז, קאָן מען זאָגן, אַ לעבן לאַנג געגאַנגען אין אידעען־וואַלד אויף אַן אויסגעטראָטן סטעזשקעלע — די סטעזשקע פון אַ דור — זײַן דור, וואָס האָט אים געפֿירט צו אַ ליכטיקן האָריזאָנט.

*

ווי אין לעבן, אַזוי אין שאַפן, איז רובינליכט אַ שטילגייער. ער סימבאָליזירט נישט זײַנע ווערטער־בילדער. ער וויקלט נישט זײַנע שטילע ווערטער אין קאָליריקע פּאַפּירלעך — אויסערלעכע שיינקייט. אויך פילגאָרנדיקע, געדרייטע טרעפּ פון וואָרטקונסט זענען אים פרעמד. פרעמד איז אים דער ביודעין פאַרנעפּלטער אימאַזש, וואָס פאַרשטעלט נישט איין מאָל דאָס בילד. ער איז נישט מאָדערן. און אויב יאָ — איז ער עס מיטן אויפלעבן אין זײַן פירסטראָפיקן ליד, מיט זײַן פשוטן מוזיקאַלישן גראַם און זײַן קלאָרקייט, דעם אַלטן, תמיד־נײַעם נוסח און פאָרעם פון אברהם ריזען, מאַני לייב.

זיי האָבן געזונגען פֿון און צום אַרבעטער, אָרעמאַן, פאָלקסמענטש. אמת, די אַ אַלע זענען שוין נישטאָ. אָבער דער ניגון איז געבליבן. ער איז אין זכרון פון די אומגעקומענע, וואָס לעבט אייביק. — ער איז אין די הערצער פון די לעבן־געבליבענע וואָס קאָנען נישט און ווילן נישט פאַרגעסן. דער ניגון לאָזט נישט אָפּ אויך בײַ די שבתדיקע טישן און בײַם ברויט און זאַלץ אויף די וואָכעדיקע טישן.

ווי קאָן אַזאַ דיכטער ווי רובינליכט — אַלט אין צער און ווייַ, יונג אין גלויבן — אָט דעם ניגון נישט אויפכאַפּן אין זײַן ליד? דאָס פשוטע ליד, קליין ווי אַ טרער: די טרער, וואָס איז אַזאַ אָפטער גאַסט אין ייִדישן לעבן, גייט מיט מיטן ייִד ווו ער זאָל זיך נישט געפינען. די ייִדישע טרער — געמישט מיט פרייד.

איז דאָס די גבורה פון געהעמטקייט, לייב רובינליכטס קאָנען גובר זײַן דאָס געשריי, דעם אינערלעכן ווייטיק — מיט אַ שטילקייט וואָס רייסט אויף פון אינעווייניק.

אָט דאָס פשוטע, פּאָעטישע אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ געפינט אַ סך הערצער אַנגעווייטיקטע, וואָס עפענען זיך ווי אַ מימאָזע מיטן ערשטן באַריר פון אַ זונענשטראַל.

אין בוך „אַ שמועס מיטן האַרץ" מערקט זיך אויך דעם דיכטערס נטיה צו משל, אגדה און לײַכט־פילאָסאָפישער מעדיטאַציע. „דער סקאָרפּיאָן און די זשאַבע", „דער אומגליקלעכער", „דער בער און דער מיסיאָנער", „דער הונט און די סיב", „גמילת־חסדים" און אַנדערע. אויך דאָ געפינט מען אַן אָנשפּאַר, ענלעכקייט, השפעה פון די גרויסע משלים־מײַסטערס: עזאָפּ, לאַפאָנטען, קרילאָוו און בעיקר — פון ייִדישן ערשט־און איינציק־מאָליקן — אליעזר שטיינבאַרג. ענלעכקייט און בריהשקייט אין דער פּוענטע, טעמע, שפּראַכשיינקייט און הומאָר. אַ ליכטיקער הומאָר שײַנט אַרויס פון די שורות און פון דעם כאַראַקטעריסטיש־ייִדישן, טרויעריק־באַחנטן שמייכעלע. זענען אוודאי אָט די לידער און משלים אַ צוזאָג, אַז דאָס דריטע בוך, וואָס מיר דערוואַרטן, וועט דעם דיכטער אַ הייבסאָן העכער און העכער.

(סונעט עסיי פון שלמה וואָרזאַגער)



## יוסף גאָלדקאָרן

געבוירן אין 1912 אין וואָלבראָם (פּוילן), האָט דערגרייכט ערנסטע בילדונג ווי אַן אויטאָדידאַקט. בעת דער מלחמה געווען אין ראַטן-פֿאַרבאַנד. צוריק־געקומען קיין פּוילן אין 1946 און זיך אַרײַנגעוואָרפֿן מיט לײַב און לעבן אין געזעלשאַפֿטלעכער און זשורנאַליסטישער טעטיקייט. מיטגעאַרבעט אין "דאָס נײַע לעבן", "פֿאָלקס־שטימע", געווען קאָרעספּאָנדענט פֿון אויבערשלעזיע פֿאַר דער ייִדישער פּרעסע־אַגענטור אין וואַרשע. פֿון 1964 געווען רעדאַקציע־מיטגליד פֿון דער "פֿאָלקס־שטימע" אין וואַרשע. עולה געווען אין סעפּטעמבער 1968 און פֿון 1969 ביז אָנהייב 1992 - רעדאַקציע־מיטגליד פֿון "לעצטע נײַעס".

אין צענטער פֿון זײַן פּובליציסטישער אַרבעט איז תּמיד געשטאַנען דער מענטש מיט זײַנע טאָגטעגלעכע פּראָבלעמען. אין די "לעצטע נײַעס" האָט ער בעיקר זיך פֿאַרנומען מיט די פּראָבלעמען פֿון דער עליה און אַבזאָרבציע. גאָלדקאָרן האָט ניט געוואַרט די עולים זאָלן קומען אין דער רעדאַקציע אויסצוגיסן זייער האַרץ; אָפֿטמאָל האָט ער זיי אָפּגעוואַרט אין פֿלי־פֿעלד אין לוד און געקומען אין די אַבזאָרבציע־צענטערס, באַזוכט זייערע היימען, באַמיט זיך פֿאַר זיי בײַצוקומען די ביוראָקראַטיע. זײַן רובריק אין "לעצטע נײַעס" איז געווען "אָפּגעריסן פֿון האַרצן", און באַמיט זיך צו העלפֿן די וואָס האָבן געדאַרפֿט אַ הילף.

פֿאַר זײַן גאַנצער איבערגעגעבענער זשורנאַליסטישער און פּובליציסטישער טעטיקייט במשך די אַלע יאָרן, האָט די פֿאַרוואַלטונג, ווי די זשורי, באַשלאָסן צוטיילן צו יוסף גאָלדקאָרן די חנה און לייב רובינליכט־פּרעמיע אין דער צענטער באַטיילונג - פֿאַרן יאָר 1992.



## צבֿי אײַזנמאַן

געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1920, האָט ער מיטגעמאַכט דעם פּליטים־שטראָם נאָכן אויסברוך פֿון דער מלחמה אין סעפּטעמבער 1939 און איבערגעלעבט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. צוריקגעקומען קיין פּוילן אין יאָר 1946. אין ישׂראל זינט 1949, נאָכן אויפֿלייזן די לאַגערן פֿאַר "אומלעגאַלע עולים" אין ציפּערן. אײַזנמאַן געהער צו דער גרופּע "יונג־ישׂראל".

ווי אַ פּראָזאַיִקער איז אײַזנמאַן דער שילדערער פֿון דער אינעווייניקסטער מענטשלעכער לאַנדשאַפֿט. זײַנע העלדן זענען קלאָמפּערשט קליינע מענטשעלעך, אָבער אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי גרויס אין זייער אמונה, ערלעכקייט, גייען מיט זייער גלייכן וועג, ווי די געטרײַסטע טראַדיציע פֿון זייַערע טאַטעס און זיידעס געהעריק צו די געענדערטע באַדינגונגען.

אײַזנמאַנס שאַפֿונג קען מען פֿאַרגלײַכן צו דער אויבערפֿלאַך פֿון אַ ים אין אַטמאָספֿערישער רויִקייט. אָבער אונטער דער אויבערפֿלעכלעכער רויִקייט שטורעמט דער אויפֿברויז פֿון די ינמיקע אײַנגעווײדן.

אונטער אײַזנמאַנס שטילן, דערציילערישן טאָן און פּליסיקן סטיל הויערט דינאַמיק, שטורמישע שטראָמען, וואָס פֿאַרשווינקען דאָס נעכטיקע מיט דעם אומבאַוווּסטן נאָכקומען.

אײַזנמאַן צייכנט זיך אויס מיט דער קורצקייט פֿון זײַנע שילדערונגען און באַשרײַבונגען, זיי זענען געמאָלן מיט סובטעלע, אײדעלע פֿאַרבן, אָבער מיט אַן עקספּרעסיוון כּוח, וואָס באַהערשט דעם לייענער באַלד פֿון די ערשטע שורות. אײַזנמאַן געפֿינט די גלײַכגעוויכט צווישן דעם טראַדיציאָנעלן און דעם נײַ־אָנגעשטורעמטן.

פֿאַר זײַן גאַנצער שאַפֿונג און קינסטלערישער דערגרייכונג ווי אַ באַדײַטנדיקער פּראָזאַיִקער, האָט די פֿאַרוואַלטונג, ווי די זשורי, באַשלאָסן צוטיילן צו צבֿי אײַזנמאַן די חנה און לייב רובינליכט־פּרעמיע אין דער צענטער פֿאַרטיילונג - 1992.

# לאורעאַטן פונעם חנה און לייב ראָבינליבט פּריַיז
## 1990 — 1978

1טע פאַרטיילונג: 1978
אליעזר אַלעי ז״ל
רחל בוימוואַל
אליעזר פּאַדריאַטשיק
שמעון קאַנץ

2טע פאַרטיילונג: 1979
לייב מאַרגענטוי ז״ל
זיאַמע טעלעסין
רבקה קוויאַטקאָווסקאַ־פּנחסיק
אפרים שרייער

3טע פאַרטיילונג: 1980
קלמן סגל ז״ל
אסיא גאי
יחיאל גראַנאַטשטיין
הערץ גראַסבאַרד

4טע פאַרטיילונג: 1981
גיטל מייזיל ז״ל
לייב קופערשמיד
הדסה קעסטין

5טע פאַרטיילונג: 1982
שמואל טאַפּ
ברוך קראַשניץ
מיכאל בן־אברהם

6טע פאַרטיילונג: 1983
יונה בערקמאַן
שמחה פּאַליאַקעוויטש
לוי פּאַפּיערניקאָוו ז״ל
סאניע שעפטעל־שטערנפעלד

7טע פאַרטיילונג: 1986
ישראל אַלטערמאַן
גבריאל וויסמאַן
זאַמי פעדער
דוד שטאָקפיש

8טע פאַרטיילונג: 1988
ברוך אורן
פנחס ערליך
יוסף קערלער

9טע פאַרטיילונג: 1990
מ. צאַנין

*



פאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישׂראל
אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישׂראל

# ליטעראַטור-פּרײַז
# א"נ פון חנה און לייב רובינליכט

## 11טע פאַרטיילונג

אין זאַל פון לייוויק-הויז אין תל-אָביב, מאָנטיק דעם 24טן אָקטאָבער 1944

די פרעמירטע:

**רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק** **שפרה ווערבער**

מיטן אָנטייל פון:

**מ. צאַנין**, פאָרזיצער, **פּראָפ' אליעזר פּאָדריאַטשיק, מרדכי שטיינבערג**

אין קינסטלערישן טייל:
**אינאַ טאָפּער**, געזאַנג
**יוסי כ"ץ**, מיט קלאַוויר-באַגלייטונג

[illegible] פון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן
אין ישראל

תל־אָביב, רחוב דב הוז 30

## ליטעראַטור־פּרײַז א״נ פון חנה און לייב רובינליכט

אין דעם פּרײַז איז פאַראַן שיינקייט און אויסדרוק פון ייִדיש־ייִדישער פילבאַרקייט צו דעם גורל פון דעם ייִדישן שרײַבער ווי צו דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל. מיר פּײַערן דערום די צוטיילונג פונעם פּרײַז אויפן נאָמען פון חנה און לייב רובינליכט מיט אמתער שׂמחה.

**פאַרטרויאונג־ראַט פונעם פּרײַז:**

הירש אָשעראָוויטש ז״ל, יצחק בראַט, אַברהם סוצקעווער, משה עינת — עו״ד, מרדכי צאַנין, אַברהם קאַרפּינאָוויטש.



**חנה רובינליכט**



**לייב רובינליכט**

## קדיש / לייב רובינליכט

איך וויל אַ קדיש זאָגן דיר,
נאָר איך קען נישט, טאַטע מײַן,
כאָטש איך ווייס — געחלומט האָסטו —
איך וועל דײַן קדיש־זאָגער זײַן.

ווי קען איך זאָגן "יתגדל"
אַז ער האָט זײַן נאָמען אַליין
דערנידעריקט און פאַרשוואַכט?

ווו איז געווען זײַן גדלות,
ווען מען האָט זײַן עם ישראל
אין טרעבלינקע אומגעבראַכט?

ווי קען איך זאָגן "יתקדש"
אַז ווען מען האָט זײַנע
הייליקייטן פאַרשפּיגן,
האָבן די הימלען נישט געדונערט
נאָר גאָר געשוויגן און ער, ער
האָט געקוקט און האָט געשוויגן?

טאָ זיי מיר מוחל, טאַטע מײַן,
אַז איך זאָג קיין קדיש מער.
זאָל אַ קדיש פאַר דיר זײַן
מײַן ווייטאָג און מײַן טרער.

(פונעם בוך: לידער. תל־אביב, תשל״ג — 1973)

## די 11טע פּרײַז־פּאַרטײלונג פונעם ליטעראַטור־פּאָנד א״נ פון חנה און לייב רובינליכט

פון סאַמע אָנהייב האָט מען אינעם רובינליכט־פּרײַז געזען דעם אָריגינעלן און אַפילו פּאַטעטישן מאָמענט:

קינאת־סופרים איז אַ נאַטירלעך געפיל, ווי עס איז נאַטירלעך יעדער מין אייפערזוכט. צו גלײַך אָבער פּאָדערט זיך גרויסמוטיקייט פונעם סופר צו קענען גובר זײַן דאָס נאַטירלעכע געפיל און זיך זען ווי אַ גלײַכן צווישן גלײַכע, וואָס ווי אַ קאָלעקטיוו בויען זיי צוזאַמען, און יעדער איינציקער אויף זײַן געביט, דעם נאַציאָנאַלן קולטור־בנין.

לייב רובינליכט איז אַ דיכטער, איינער פון אונדזערע דיכטער, וואָס טראָגט־צו זײַן בײַשטײַער צו דעם גרויסן און אימפּאָזאַנט בנין.

עס איז נאַטירלעך געווען און געבליבן אַ סוד ווי שטאַרק ס׳איז בײַ לייב רובינליכט געווען דאָס געפיל פון קניאת־סופרים, אָבער ער איז זיכער נישט געווען באַפרײַט פון דעם געפיל, ווײַל נישטאָ אַזאַ דיכטער אָדער פּראָזאַיִקער וואָס וואָלט נישט געוואָלט זײַן דער מחבר פון אַ גוט ליד, אָדער נאָוועלע, צי ראָמאַן פון אַן אַנדער שרײַבער. דאָך רובינליכטס איידלקייט און גרויסמוטיקייט האָבן נישט גובר געווען אין אים דאָס געפיל פון קינאת־סופרים, נאָר ער האָט דערצו געשאַפן דעם פּאָנד כּדי מיט פּרײַזן פון דעם פּאָנד צו דערמוטיקן ייִדישע פּאָעטן, פּראָזאַיִקער, עסייִסטן און וואָרטקינסטלער, צו דערהייבן זייער זעלבסטגעפיל און זעלבסטזיכערקייט, וואָס איז אַזוי שטאַרק נייטיק אַ ייִדישן שעפערישן מענטש אין דער איצטיקער תּקופה בכלל.

אַ דיכטער וואָס דערמוטיקט אַנדערע דיכטער, אַנדערע פּראָזאַיִקער, עסייִסטן און וואָרטקינסטלער און איז מיט זײַן פּרײַז גורם צו זייערס אַ יום־טובדיקער, פּײַערלעכער שעה — דאָס איז דאָס אָריגינעלע און דאָס פּאַטעטישע, וואָס איז דערמאָנט געוואָרן העכער.

**שפרה ווערבער**



## אַ רעגן אין תּמוז

א

די זון דעמפּט אויס איר בלוט
אין פֿײַערדיקן גלוט.

אין מאַטן גרין פוןביימער —
פֿאַרגיפּסט
אַ פֿאַרלאָרענער פייגל־פּיפּס.

בײַ שלײַכנדיקע טריט
פֿענטן זיך מיד
פֿאַרחלשטע שאָטנס...

מען שטיקט זיך אַליין
מיט אייגענע אָטעמס.

אומזיסט דאָס געבעט
פון גלייִקע שטיינער.

עס ווייס יעדער איינער,
און עדות:

דער שטויביקער גראָ פון דערנער
בײַ וועגן,
און דורשטיקע וואַדיס —
אַז ביז צום געבורט פונעם יורה
איז די ערד נאָך קיין מאָל
ניט זוכה
צו קילער באַפײַכטונג
פון רעגן.

ב

קען זײַן, אַ תּפילה
פון שטיינער אַפילו
זאָל רירן אַ וואָלקן
אַ שטומען —
וואָס רוט איבער זומער
באַהאַלטן
הינטער ווײַס־צעפּרעיעטן הימל —
אַז ער פון רחמים צענומען
זאָל זיך פּלוצעם
צעוויינען.

און זע —
צום שטוינען!
שפּרודלדיקע טראָפּנדלעך
אין פּרושיקן גאַלאָפּ
פאַלן אין סאַמע תּמוז,
ווי מן, פון הימל אַראָפּ:
און צווישן זיי פּליסט

מיט פּאַסמעס
געל־צעפּלאָסענע ליכט.

און אַלץ וואָס ביז איצט
אין פֿאַרשלאַבערטן דומם
טויכט אויף אין געצאַפּל:
ניט אַנדערש — מלקוש
האָט דעם יורה געמפּלט.

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק

# אַ מאָדנע פאָלק...

(פראַגמענט)



אַ ליכטיקער פרימאָגן האָט זיך צעשײַנט איבער די געצעלטן און באַראַקן פון בת־גלים.

דער הימל, אַ דורכזעיִק־קלאָרער, שפּיגלט זיך אין די בלויע וואַסערן פון ים. ערגעץ אין די ווײַטן נידערט ער אַראָפּ צו אים, נעמט אַרום און שווימט מיט אים צוזאַמען אין אֵין־סוף.

ווי אַ ליד פון נצחון טראָגט זיך דער רעש פון די כוואַליעס אין אַרום:

„...מיר האָבן זיי געבראַכט פון אַלע עקן פון דער וועלט! פון די ווײַטע סיבירער טײַגעס, פון מידבּרדיקן תּימן, פון די שטילע דערפער אַרום די קאַרפּאַטן. פון אומעטום, פון אומעטום...“

פון דער פרימאָגנדיקער לויטערקייט טויכט אַרויס דער כּרמל־באַרג. די אייביקייט האָט זיך אויף זײַן פאַרשטיינערטן רוקן אָנגעלייגט מיט טויזנטער יאָרן שטילשווײַגן. ברוגזט זיך דער באַרג אויף די הילצערנע געצעלטן און באַראַקן, וואָס האָבן זיך אין זײַן שטילשווײַגן אַרײַנגעריסן מיט פרעמדע, טומלדיקע לשונות. קוקט אַריבער דער כּרמל אויף די צאַפּלדיקע כוואַליעס און פאַרשטייט נישט דעם סוד פון נײַעם לעבן.

אויף דער באַנק פון קליינעם בית־עולים־גערטנדל זיצט די לערערקע פון סאַן־פראַנציסקאָ. האַלט אין דער האַנט אַן עברית־לערן־ביכל פאַר אָנהייבער. איר אָליוון פּנים איז לענגלעך און שמאָל. איר צאַרטע הויט איז אין פרימאָרגן־ליכט העלער און גלאַנצט מיט אַ סאַמעטענער ווייכקייט. פון די טונקעלע מאַנדל־אויגן קוקט אַרויס די בענקשאַפט און פאַרחלומטקייט פון אירע פרומע זיידעס, וואָס זענען פון גירוש־פּאָרטוגאַל אַוועק קיין טערקײַ. נאָך דורות וואַנדערונגען באַזעצט זיך אין סאַן־פראַנציסקאָ. דאָרט האָט זי יאָרן לאַנג קינדער געלערנט. דאָס וואַנדערבלוט פון אירע זיידעס האָט איר קיין רו נישט געגעבן. אַליין האָט זי זיך געלאָזט אין וועג קיין ישׂראל. דאָ וויל זי לערנען ייִדישע קינדער.

יאָרן לאַנג האָט זי אומבאַהאָלפענע קינדערשע הענטלעך געפירט איבער די שורות פון העפטן און איצט איז זי אַליין בײַם סאַמע אָנהייב.

פאַמעלעך און געדולדיק שרײַבט זי אַ לאַנגע שורה אלף־ביתן און גימלען און באַטראַכט אַ פאַרחידושטע דאָס פרעמדע כּתב, וואָס שרײַבט זיך פון רעכטס אויף לינקס.

## לאַורעאַטן פונעם חנה און לייב רובינליכט פּריַיז
## 1990 — 1978

**1טע פאַרטיילונג: 1978**

אליעזר אָלעי ז״ל

רחל בוימוואָל

אליעזר פּאָדריאַטשיק

שמעון קאַנץ

**2טע פאַרטיילונג: 1979**

לייב מאָרגענטוי ז״ל

זיאַמע טעלעסין

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק

אפרים שרײַער

**3טע פאַרטיילונג: 1980**

קלמן סגל ז״ל

אסיא גאַי

יחיאל גראַנאַטשטיין

הערץ גראָסבאַרד

**4טע פאַרטיילונג: 1981**

גיטל מייזיל ז״ל

לייב קופערשמיד

הדסה קעסטין

**5טע פאַרטיילונג: 1982**

שמואל טאָפּ

ברוך קראָשניץ

מיכאל בן־אברהם

**6טע פאַרטיילונג: 1983**

יונה בערקמאַן

שמחה פּאָליאַקעוויטש

לוי פּאַפּירערניקאָוו ז״ל

סאָניע שעפּטעל־שטערנפעלד

**7טע פאַרטיילונג: 1986**

ישׂראל אַלטערמאַן

גבריאל ווייסמאַן

זאַמי פעדער

דוד שטאָקפיש

**8טע פאַרטיילונג: 1988**

ברוך אורן

פנחס ערליך

יוסף קערלער

**9טע פאַרטיילונג: 1990**

מ. צאַנין

**10טע פאַרטיילונג: 1990**

צבי אײַנזמאַן

יוסף גאָלדקאָרן

*



פאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל
אגודת סופרי ועתונאי יידיש בישראל

# ליטעראַטור - פּרײַז
# א"נ פון חנה און לייב רובינליכט

## 12טע פאַרטיילונג

אין זאַל פון לייוויק־הויז אין תּל־אָביב, מאָנטיק דעם 20טן מײַ 1996
7 אַזייגער אין אָוונט

דער פרעמירטער:

דער פּראָזאַיקער **ישעיהו רעכטער**

מיטן אָנטייל פון:

**מ. צאַנין**, פאָרזיצער, **פּראָפ' גרשון ווײַנער, פּראָפ' פנחס ערליך**

אין קינסטלערישן טייל:
**שמואל ריווקין**, געזאַנג
**פּראָפ' לעדערער**, קלאַוויר
**קלאַראַ וואָסילאָוו**, זינגערין
**פאַניאַ מאַרגאָלאָוו**, קלאַוויר־באַטייליקונג

## פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן
## אין ישראל

תל־אביב, רחוב דב הוז 30

## ליטעראַטור־פּרײַז א״נ פֿון חנה און לייב רובינליכט

אין דעם פּרײַז איז פֿאַראַן שיינקייט און אויסדרוק פֿון ייִדיש־ייִדישער פֿילבאַרקייט צו דעם גורל פֿון דעם ייִדישן שרײַבער ווי צו דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל. מיר פֿײַערן דערום די צוטיילונג פֿונעם פּרײַז אויפֿן נאָמען פֿון חנה און לייב רוביניכט מיט אמתער שׂמחה.

**פֿאַרטרויאונג־ראַט פֿונעם פּרײַז:**

הירש אָשעראָוויטש ז״ל, יצחק בראַט, אַברהם סוצקעווער, משה עינת — עו״ד, מרדכי צאַנין, אַברהם קאַרפּינאָוויטש.


חנה רובינליכט


לייב רובינליכט

## ישעיהו רעכטער



דער פֿרעמירטער שרײַבער ישעיהו רעכטער איז געבוירן געוואָרן אין קראָקע אין יאָר 1910. בעת דער נאַציִשער אָקופּאַציע פֿון פּוילן האָט ער איבערגעלעבט עטלעכע צוואַנגלאַגערן. קיין ישׂראל איז ער עולה געווען אין 1947.

אַ שרײַבער מיט אַ סך לעבנס־דערפֿאַרונג און נסיונות, איז רעכטער היפּש פּרוכטבאַר. ער האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן אין ביכער־פֿאָרם: ״די ייִדישע נאַצי־העלדן״ (אין יאָר 1969), ״צוויי שוועסטערס״ (אין יאָר 1983); ״דאָס פֿאַרלוירענע קינד״ (אין יאָר 1985); ״פֿון לײַדן צו פֿרייד״ (אין יאָר 1986). אין העברעיִש: ״במצוקה ואושר״ (אין יאָר 1976); ״שתי אחיות״ (אין יאָר 1980); ״הבן האובד״ (אין יאָר 1982): ״נקם״ (אין יאָר 1984) און אַנדערע ראָמאַנען אין ייִדיש. דרוקט ער זײַנע שאַפֿונגען אויך אין דער ייִדישע פּרעסע.

## לאָורעאַטן פונעם חנה און לייב רובינליכט פּריַיז
## 1990 — 1978

**1טע פּאַרטיילונג: 1978**

אליעזר אָלעי ז״ל

רחל בוימוואָל

אליעזר פּאָדריאַטשיק

שמעון קאַנץ

**2טע פּאַרטיילונג: 1979**

לייב מאָרגענטוי ז״ל

זיאַמע טעלעסין

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק

אפרים שריַיער

**3טע פּאַרטיילונג: 1980**

קלמן סגל ז״ל

אסיא גאי

יחיאל גראַנאַטשטיין

הערץ גראָסבאַרד

**4טע פּאַרטיילונג: 1981**

גיטל מייזיל ז״ל

לייב קופּערשמיד

הדסה קעסטין

**5טע פּאַרטיילונג: 1982**

שמואל טאָפּ

ברוך קראָשניץ

מיכאל בן־אברהם

**6טע פּאַרטיילונג: 1983**

יונה בערקמאַן

שמחה פּאָליאַקעוויטש

לוי פּאַפּיערניקאָוו ז״ל

סאָניע שעפּטעל־שטערנפעלד

**7טע פּאַרטיילונג: 1986**

ישראל אַלטערמאַן

גבריאל איַיזנמאַן

זאַמי פעדער

דוד שטאָקפּיש

**8טע פּאַרטיילונג: 1988**

ברוך אורן

פנחס ערליך

יוסף קערלער

**9טע פּאַרטיילונג: 1990**

מ. צאַנין

**10טע פּאַרטיילונג: 1990**

צבי איַינזמאַן

יוסף גאָלדקאָרן

**11טע פּאַרטיילונג: 1994**

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק

שפרה ווערבער



פאַראיין פון ייִדישע שרייַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

אגודת סופרי ועתונאי יִידיש
בישראל

# ליטעראַטור-פּרייַז
# א״נ פון **חנה** און **לייב** רובינליכט

## 14טע פאַרטיילונג

אין זאַל פון לייוויק-הויז אין תל-אָביב,
מאָנטיק, דעם 18טן דעצעמבער 2000,
7 אַ זייגער אין אָוונט

## די פּרעמירטע :

**יעקב בעסער * ישראל רודניצקי**

מיטן אָנטייל פון
*מרדכי צאַנין, לעוו בערינסקי,*
*רבקה באַסמאַן בן-חיים,*
*יצחק לודען, שלום רצבי*

אין קינסטלערישן טייל:
געזאַנג - יעקב שאַפּיראָ
בייַם קלאַוויר - וואַלערי אייַוואַזיאַן



## ישראל רודניצקי

געבוירן אין 1926. ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה אין ווילנע, שילער אין דער ייִדישער רעאַל-גימנאַזיע. מלחמה-יאָרן: געטאָ, וואַלד (פּאַר-טיזאַנער), רויטע אַרמיי. נאָך דער מלחמה אין ווילנע, געאַרבעט אין אַ יוגנט-פאַרלאַג. 1956 פאַרענדיקט דעם רעדאַקציע-פאַקולטעט פון מאָס-קווער פּאָליגראַפישן אינסטיטוט. עולה געווען אין 1961. עקזעקוטיוו-סעקרעטאַר אין ייִדישן שרייַבער-פאַראיין אין די יאָרן 1965-1962. פאַרנומען זיך מיט רעדאַקטירן, קאָרעקטירן און באַגלייטן צום דרוק ייִדישע ביכער (צוו״אַנד אין י. ל. פּרץ-פאַרלאַג, ״מנורה״, ״ישראל-בוך״); איבערגעזעצט אויף ייִדיש פון אַנדערע שפּראַכן; געדרוקט רעפּאָרטאַזשן אין ״די לעצטע נייַעס״ וועגן דער קולטור-טעטיקייט פון שרייַבער-פאַראיין. 1967-1966 גראַדויִרט די ביבליאָטעק-שול אין ירושלימער אוניווערסיטעט; 1991-1967 געאַרבעט אין תל-אָביבער אוניווערסיטעט, פאַרלאַג-אָפּטייל אין אינסטיטוט צו פאָרשן די תפוצות. רעדאַקטירט די נומ׳ 7,6,5,4,3 און 8 פון ״נייַע ווערגן״.



## יעקב בעסער

געבוירן אין 1934. זייַנע ערשטע לידער האָט יעקב בעסער געשריבן אין די שווע-רע יאָרן נאָך דעם חורבן, אויף ייִדיש, ווען זייַן שוללערער איז געווען דער פּאָ-פּולערער דעמאָלט אין פּוילן פּאָעט יעקב זאָנשייַן, וועלכער איז אויך גע-וואָרן זייַן לערער אין פּאָעזיע. יעקב בעסער איז עולה געווען אין 1950 און האָט באַוויזן אַרויסצולאָזן אין ישראל 15 ביכער לידער און פּאָעמעס. אַרויסגעגעבן לידער-אַנטאָלאָגיעס, איבערגעזעצט אויף עברית פּוילישע, רוסישע און ייִדישע פּאָעטן. אין יאָר 1977 האָט ער געגרינדעט דעם חודש-זשורנאַל ״77״ און איז ממשיך ווי רעדאַקטאָר ביז הייַנטיקן טאָג. אין משך פון עטלעכע יאָרצענדליקער קעמפט יעקב בעסער, ווי קולטור-טוער, פאַר גלייַכבאַרעכטיקונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ישראל. אין זייַן איבערזעצונג זייַנען אַרויס אויף עברית ביכער און פּובליקאַציעס פון ל. אייכענראַנד, אַריה שמרי, ה. לייוויק, אַברהם סוצקעווער, יוסף פּאַפּערני-קאָוו, יעקב פרידמאַן, רחל זשיכלינ-סקי, הדסה רובין, רחל קאָרן, רבקה באַסמאַן בן-חיים, לעוו בערינסקי א״אַ. יעקב בעסער שטייט בראָש פון דעם אַלגעמיינעם שרייַבער-פאַראיין אין ישראל (איגוד כללי של סופרים בישראל).



חנה רובינליכט



לייב רובינליכט

***

״גענאָסן כ׳האָב פון זונען-שקיעה,
פון זונען-אויפגאַנג אָן אַ שיִער,
און שוואַך געוואָרן איז די ראיה
פון שיינקייט-בלענד ביי מיר.״

לייב רובינליכט

## ליטעראַטור-פּרייַז א״נ פון חנה און לייב רובינליכט

**אין דעם פּרייַז איז פאַראַן שיינקייט און אויסדרוק פון ייִדיש- ייִדישער שפּירעוודיקייט צו דעם גורל פון דעם ייִדישן שרייַבער ווי צו דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל. מיר פייַערן דערום די צוטיילונג פונעם פּרייַז אויפן נאָמען פון חנה און לייב רובינליכט מיט אמתער שׂימחה.**

פאַרטרויונג-ראַט פונעם פּרייַז:

לעוו בערינסקי (יו״ר), יצחק בראַט, צבי סמאָליאַקאָוו, מרדכי צאַנין, אַברהם קאַרפּינאָוויטש.

# לאַורעאַטן פֿונעם
# *חנה און לייב רובינליכט-פּרייז*
# 1999-1978

**1טע פּאַרטיילונג, 1978**
אליעזר אַלעי
רחל בוימוואַל
אליעזר פּאָדריאַטשיק
שמעון קאַנץ

**2טע פּאַרטיילונג, 1979**
לייב מאָרגנטוי
זיאַמע טעלעסין
רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק
אפרים שרייַער

**3טע פּאַרטיילונג, 1980**
קלמן סגל
אַסיאַ גאַי
יחיאל גראַנאַטשטיין
הערץ גראָסבאַרד

**4טע פּאַרטיילונג, 1981**
גיטל מייַזיל
לייב קופערשמיד
הדסה קעסטין

**5טע פּאַרטיילונג, 1982**
שמואל טאָפּ
ברוך קראָשניץ
מיכאל בן-אַברהם

**6טע פּאַרטיילונג, 1983**
יונה בערקמאַן
שמחה פּאָליאַקעוויטש
לוי פּאָפּערניקאָוו
סאָניע שעפּטעל-שטערנפעלד

**7טע פּאַרטיילונג, 1986**
ישראל אַלטערמאַן
גבריאל אייַזנמאַן
זאַמי פעדער
דוד שטאָקפיש

**8טע פּאַרטיילונג, 1988**
ברוך אורן
פנחס ערליך
יוסף קערלער

**9טע פּאַרטיילונג, 1989**
מ. צאַנין

**10טע פּאַרטיילונג, 1990**
צבי אייַזנמאַן
יוסף גאָלדקאָרן

**11טע פּאַרטיילונג, 1994**
רבקה קוויאַטקאָווסקי-פּנחסיק
שפרה ווערבער

**12טע פּאַרטיילונג, 1996**
ישעיהו רעכטער

**13טע פּאַרטיילונג, 1999**
ענת אדרת



פאַראיין פון ייִדישע שרייַבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

אגודת סופרי ועתונאי יידיש
בישראל

# ליטעראַטור-פּרייַז
# א״נ פון חנה און לייב רובינליכט

## 15טע פּייַערלעכע פאַרטיילונג

אין לייוויק-הויז, תּל-אָביב,
דאָנערשטיק, דעם 19טן יולי 2001, 7 אַזייגער אין אָוונט

## די לאַורעאַטן:
## יששכר פאַטער
## משה סחר
## משה לעמסטער

דניאל גלאי
רבקה בסמן
צבי סמוליאקוב

מיטן אָנטייל פון: *מרדכי צאַנין,*
*רבקה באַסמאַן בן-חיים,*
*דניאל גלאי, צבי סמאָליאַקאָוו*

אין קינסטלערישן טייל: דער פידלען-דועט
בעלאַ זעלינסקי און אַלעקס שולמאַן
ייִדישע, קלאַסישע און פאָלקסמוזיק

רפסודיה הונגרית מס. 2 ENESCU
עיבוד ל 2 כינורות



## ישׂשכר פּאַטער

גבוירן אין יאָר 1912 אין פּוילן.
עולה געווען אין 1962.
שרײַבער, מוזיקאָלאָג און פּעדאַגאָג.
די וויכטיקסטע ווערק: "געדענק", "ייִדישע מוזיק אין פּוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות" (דערשינען אויך אין העברעיש), "ייִדישע מוזיק און אירע פּראָבלעמען", "קודש וחול אין דער ייִדישער מוזיק", "אין דער וועלט פון מוזיק און מוזיקערס".
באַלוינט געוואָרן מיטן איציק מאַנגער־פּרײַז, דוד האָפּשטיין־פּרײַז, א"א.



## משה סחר

געבוירן אין יאָר 1928 אין לאָדזש, פּוילן.
עולה געווען אומלעגאַל באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.
ווערק: איבערזעצונגען פון דער קלאַסישער און מאָדערנער ליטעראַטור, באַאַרבעטונגען (מיט זײַנע אָריגינעלע לידער) פאַר טעאַטער און קינאָ: "צוויי קוני לעמל" פון גאָלדפאַדען, "די פּעדאַגאָגישע פּאָעמע" פון מאַקאַרענקאָ און "גאָט פון נקמה" פון שלום אש. געשריבן לידער ספּעציעל פאַר דזשיגאַן און שומאַכער, ווי אויך פאַר יעקב באָדאָ, מערי סאָריאַנאָ, א"א.
איבערגעזעצט מרדכי געבירטיגס לידער אויף העברעיש (דערשינען אין 5טן באַנד פון דער "אַנטאָלאָגיע פון ייִדישע פאָלקסלידער").



## משה לעמסטער

געבוירן אין 1946 אין מאָלדאַוויע.
עולה געווען אין יאָר 2000.
ווערק: "א ייִדישער רעגן" (לידער), "אליעזר שטיינבערגס שאַפונג אין קאָנטעקסט פון דער ייִדישער ליטעראַטור פון בעסאַראַביע" (פאַר אָט דער ליטעראַטור־וויסנשאַפטלעכער אַרבעט באַקומען, אין יאָר 1999, דעם טיטל דאָקטאָר פילאָלאָגיע). זיך געדרוקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד" און אין אַנדערע ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. זײַנע לידער זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיש, רוסיש און אנדערע שפּראַכן. לאַורעאַט פון דעם סעגאַל־פּרײַז.

## סטיפּענדיעס און סובסידיעס

**ד"ר ישׂראל גאָלדבלאַט - פאַרן בוך זיכרונות "ניט ווי שאָף צו דער שחיטה".**

**לעוו בערינסקי - פאַר שעפערישער טעטיקייט.**

**"פּרײַע אַקאַדעמיע" - פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט מיטן יונגן דור לטובת ייִדיש.**



ליב רובינליכט



חנה רובינליכט

***

*"געגאָסן כ'האָב פון זונען־שקיעה,*
*פון זונען־אויפגאַנג אָן אַ שיִער,*
*און שוואַך געוואָרן איז די ראיה*
*פון שיינקייט־בלענד ביי מיר."*

לייב רובינליכט

## ליטעראַטור־פּרײַז א"נ פון חנה און לייב רובינליכט

**אין דעם פּרײַז איז פאַראַן שיינקייט און אויסדרוק**
**פון ייִדיש - ייִדישער שפּירעוודיקייט**
**צו דעם גורל פון דעם ייִדישן שרײַבער**
**ווי צו דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל.**
**מיר פײַערן דערום די צוטיילונג פונעם פּרײַז**
**אויפן נאָמען פון חנה און לייב רובינליכט**
**מיט אמתער שׂימחה.**

פאַרטרויונג־ראַט פונעם פּרײַז:

מרדכי צאַנין - פּאָרזיצער, אַברהם קאַרפּינאָוויטש,
צבי סמאָליאַקאָוו, דניאל גלאַי

# לאַורעאַטן פון דעם
# *חנה און לייב*
# *רובינליכט־פּרייז*
# 1978־2000

**1טע פאַרטיילונג, 1978**
אליעזר אָלעי
רחל בוימוואָל
אליעזר פּאָדריאַטשיק
שמעון קאַנץ

**2טע פאַרטיילונג, 1979**
לייב מאָרגענטוי
זיאַמע טעלעסין
רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק
אפרים שרייַער

**3טע פאַרטיילונג, 1980**
קלמן סגל
אַסיאַ גאַי
יחיאל גראַנאַטשטיין
הערץ גראָסבאַרד

**טע פאַרטיילונג, 1981**
גיטל מייַזיל
לייב קופערשמיד
הדסה קעסטין

**5טע פאַרטיילונג, 1982**
שמואל טאָפּ
ברוך קראָשניץ
מיכאל בן־אַברהם

**6טע פאַרטיילונג, 1983**
יונה בערקמאַן
שמחה פּאָליאַקעוויטש
לוי פּאַפּערניקאָוו
סאָניע שעפּטעל־שטערנפעלד

**7טע פאַרטיילונג, 1986**
ישראל אַלטערמאַן
גבריאל אייַזנמאַן
זאַמי פעדער
דוד שטאָקפיש

**8טע פאַרטיילונג, 1988**
ברוך אורן
פנחס ערליך
יוסף קערלער

**9טע פאַרטיילונג, 1989**
מ. צאַנין

**10טע פאַרטיילונג, 1990**
צבי אייַזנמאַן
יוסף גאָלדקאָרן

**11טע פאַרטיילונג, 1994**
רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק
שפרה ווערבער

**12טע פאַרטיילונג, 1996**
ישעיהו רעכטער

**13טע פאַרטיילונג, 1999**
ענת אדרת

**14טע פאַרטיילונג, 2000**
ישראל רודניצקי
יעקב בעסער

# קרן אנה ולייב רובינליכט
## לספרות יידיש

חבר הנאמנים:

יצחק בראש,

לב ברינסקי,

מרדכי צאנין,

אברהם קרפינוביץ'

מנהל הקרן:

בורים קוטלרמן

עו"ד חנה שוסטק

מטעם

חברה לנאמנות

של בנק לאומי

לישראל בע"מ,

שד' רוטשילד 8

ת"א 66881

ת.ד. 2 ת"א 61000

טל' 03-5170777

פקס 03-5170770

רח' דב הוז 30 תל-אביב 63416 ת.ד. 11100 ת"א 63416 טל' 03-5231830 פקס 03-5237177

**30, Dov Hoz St, Tel-Aviv 63416, Phone 03-5231830, Fax 03-5237177**